STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09590

GUT UN FRUM

Morris Zucker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה צוקער

גוט און פרום

אַרויסגעגעבן פון
דער יידיש עטישער געזעלשאַפט
ניו־יאָרק, 1948

Copyright, 1948, by
M. Zucker
Brooklyn, N. Y.

Printed in U. S. A. by
The Shoulson Press, New York, N. Y.
255

געווידמעט מיין פרוי **מוסי**
און מיינע זין, **יודל** און **חנא**

אינהאַלט

בוך איינס: בילדער

1. אַ יידישער קרעטשמער 11
2. די באָבע חיה 13
3. די נעכטיקערס 15
4. די קליינשטעטלדיגע „דערפינדער" — טרוימער .. 18
5. די מומעביילע, זכרונה לברכה, און איר משפחה .. 25
6. אַלטער און נייער ברית 32
7. שמואל'טשעס זון זלמן־הערש 39
8. מרדכי'לע מלמד 46
9. פאַרשיידענע הקפות 51
10. כ'האָב זיך געקויפט אַ פאַרם (ווירטשאַפט) 56
11. מיין צווייטער פאַרם 62
12. מיין ערשטער פיקניק אין אַמעריקע 66

בוך צוויי: שפּרוכן

א. רחמנות 73
ב. בטחון 79
ג. מתן בסתר 86
ד. סוד 95
ה. סדר 102
ו. העפלעכקייט 109

ז. אייגענער שטייגער 112
ח. אַן ערלכער מענטש 117
ט. מענטשלעך און ניט מענטשלעך 121
י. אייגענע און יענעמס לויבגעזאַנגען 124
יא. שרייערישע בעלי־טובות 130
יב. גאוה 134
יג. להכעיס 137
יד. היסטעריע אָדער אַפּאַטיע 141
טו. היסטעריקע 145
טז. חניפה 151
יז. צביעות און חניפה 155
יח. קנאה־שנאה 158
יט. כעס 161
כ. רכילות 164
כא. עקשנות 167
כב. רציחה 170
כג. פאַרשיידענעס 172

דער מחבר פונ׳ם בוך „גוט־ און־פרום״, משה צוקער, איז געבוירן געוואָרן אינעם יאָר 1892 אין קאַרטשין, אַ קליין חסידיש שטעטל אין גאַליציע. זיין טאַטע יודל שנעק, איז געשטאָרבן, ווען משה, דער דריטער פון 4 קינדער — אַלע ייִנגלעך — איז אַלט געווען 3 יאָר.

משה׳ס מאַמע, רייזל, וואָס האָט זיך גערופן, צוליב׳ן גוישן געזעץ, אויף איר מיידלשן נאָמען צוקער, האָט אַלע קינדער דערצויגן אָרעם — אָבער באַלעבאַטיש.

ביז צו 12 יאָר — ווען אַ יתום מעג שוין אָנפאַנגען תפילין לייגן — האָט משה געלערנט אין חדרים און נאָכדעם האָט ער פאַרגעזעצט אַליין דאָס לערנען גמרא מיט תוספות אין בית־המדרש. דאָס לערנען פאַר זיך איז אים אָנגעקומען ניט לייכט, ווייל פון דער נאַטור איז ער אַ ביישן, אָבער באין־ברירה פלעגט ער אַמאָל פרעגן, אַ שווערע זאַך, דעם אָדער יענעם.

זיין חלום איז געווען צו ווערן אַ רב. — חסידישע לשון־קודש־דיקע מעשה׳לעך פלעגט ער אויך ליב האָבן צו לייענען.

די אָרימקייט און תכלית האָט אים אָבער גענויט צו ווערן אַ בעל־מלאכה, און ער האָט אויסגעקליבן מאַלעריי. ער האָט געהאַט אַביסל פעאיקייט דערצו. און צו 16 יאָר איז משה אַוועק קיין ריישע — אַ גרעסערע שטאָט אין גאַליציע — וואו ער איז אָפגעווען ביי לייזער גאַרפינקעל 3 יאָר אויף לערנען, און נאָך אַ יאָר אַלס געזעלן.

שבת פלעגט משה נאָך גיין אין ר׳ אלעזר׳ל ריישערס קלויז און אָפלערנען אַ בלאַט גמרא.

איצט האָט שוין משה גע׳חלומ׳ט צו ווערן אַ קינסטלער און האָט געזוכט אָפצושפּאָרן געלד פאַר דעם צוועק. דערווייל איז פאַראיבער נאָך 2 יאָר, און ווען ס׳האָט זיך אים געדאַכט אַז זיין חלום ווערט שוין מקוים איז די ערשטע וועלט־מלחמה אויסגעבראָכן און

משה איז געוואָרן אַ זעלנער. — אָן חשק האָט זיך משה געמוזט מתעסק זיין מיט מאָרד־געצייג. אָבער צוליב פּיזישע — און מער צוליב מזל'דיקע אומשטענדן — האָט מען אים ניט געשיקט אויפן „פראָנט" און ער האָט כמעט 3 יאָר פון מלחמה פאַרבראַכט אין בודאַ־פּעסט, אונגאַרן.

אין דער צייט האָט משה באַקומען אַ נייגונג צום שרייבן — אַ נייער חלום.

נאָך דער מלחמה, מיט אַלע זיינע נאָכווייענישן, האָט משה'ן, שוין אַ חתונה געהאַט, געטריבן קיין אַמעריקע. — אין יאָר 1921 איז ער אַהער אָנגעקומען און צוליב פּרנסה האָט ער געמוזט אויפגעבן, לפי־שעה, זיינע חלומות.

אין יאָר 1943 איז משה געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יידיש־עטישער געזעלשאַפט, און ער האָט זיך אָנגעפאַנגען צו באַטייליקן אין די „יידישע שריפטן" וואָס די געזעלשאַפט גיט אַרויס.

די פאָלגנדיקע זאַכן וואָס געפינען זיך אינ'ם בוך „גוט־און־פרום", זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין די „יידישע־שריפטן": „העפלעכ־קייט", „קנאה־שנאה", „כעס", און „אַלטער און נייער ברית" אין יאָר 1945; „אַ יידישער קרעטשמער", „די באָבע חיה", „די מומע ביילע", „רכילות" און „עקשנות" אין יאָר 1946.

פאַרלאַג פון דער יידיש־עטישער געזעלשאַפט

ניו־יאָרק, מאַי, 1948.

בוך איינס:

בילדער

1

אַ יידישער קרעטשמער

ר׳ ברוך האָט געהאַט אַ קרעטשמע אינעם דאָרף זשמיניצע, און אַז יידן פלעגן פאָרן אויפן יאָריד קיין ברעזעוו פלעגן זיי אָפּשטייגן ביי ר׳ ברוך׳ן אין קרעטשמע דאָרט אָפּצודאַווענען אַ שחרית׳ל.

אַרויספאָרן אויף די יאָרידים פלעגט מען געוויינטלעך ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער. יידן האָבן שוין געהאַט אַזוי אויסגערעכנט, אַז צו זמן־שחרית זאָל מען זיך דאָרט צוזאַמענקומען און דאַווענען בציבור.

און אַלעמאָל ווען ס׳פלעגט אויספעלן צום מנין, אָדער גלאַט אַזוי צו אַ קדושה אָדער ברכו פלעגט אונדזער ר׳ ברוך זיך אַליין מצרף זיין און אַרויסהעלפן יידן אין אַן עת־צרה.

די קרעטשמע איז ממש געוואָרן אַ מקום־קדוש. און אפילו אין אַן איינפאַך וואָכעדיקן טאָג האָט זיך ר׳ ברוך געפילט הייליק יום־טובדיק.

אַז אַ גוי איז אינצווישן אַריינגקומען פאַר אַ גלעזל בראַנפן, האָט אים זיין יידענע באַדינט, אָבער אפילו ווען ר׳ ברוך אַליין האָט באַדאַרפט דעם קונה באַדינען האָט ער ניט איבערגעריסן מיט די דאַווענערס. זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם מנין יידן און ער האָט נאָכגעזאָגט דעם ברוך הוא וברוך שמו מיט אַלע יידן צוזאַמען, און ביי קדושה און ברכו האָט ער נאַטירלעך ניט מפסיק געווען און די גויים האָט ער געלאָזט וואַרטן.

די גויים האָבן שוין גאַנץ גוט געוואוסט, אַז בערקע דאַרף זיך מאָדליען און האָבן געדולדיק אונטערגעוואַרט.

ווען נאָך האָט ר׳ ברוך געקענט האָבן אַזאַ געלעגנהייט צו דאַווענען בציבור און זיך פילן אַזוי היימיש צווישן אייגענע ווען ניט אין די יאָרידים־טעג ? — ער האָט זיך געפילט דערהויבן בשמחהדיק און קיינער איז צו אים ניט גלייך געווען. — די ערלים האָבן מיט זייער גויאישער

נשמה דערשפּירט התרוממות און גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַר אים, און עס געגומען אַן פאַרדרוס.

ס׳קען מעגלעך זיין אַז אויך זיי האָבן, אין האַרצן, מקנא געווען די זשידקעס וואָס פאַרגעסן ניט אַן גאָט אין הימל.

און אַמאָל, ווען ס׳האָט זיך איין מנין געענדיקט, האָט זיך אָנ־געפאַנגען אַן אַנדער מנין און אונדזער בעל־הקרעטשמע, ווען ס׳האָט ווידער אויסגעפעלט צום מנין, האָט אויך דאָסמאָל די יידן אַרויסגע־ראַטעוועט, און האָט נאָכאַמאָל געהאַט אַ געלעגנהייט אַריינצוכאַפּן אַ קדושהלע און אַ ברכולע, אַחוץ די ברוך הואס און ברוך שמוס און אָמן׳ס.

אָבער אונדזער ר׳ ברוך האָט מיט דעם אַליין ניט יוצא געווען.

נאָכן אָפּדאַווענען און טרינקען לחיים, האָט ער אויך איינגעלאַדן די דאַווענערס זיך צו וואַשן צום אָנבייסן; און מ׳האָט געגרייט צום טיש, געלייגט ברויט מיט זאַלץ, מיט פּוטער, דערלאַנגט אַ גוטן קנאָבל־באָרשט מיט באַנדערקעס, אַזוי אַז יידן האָבן ווידער געהאַט אַ גע־לעגנהייט צו מאַכן אַ ברכה און צו בענטשן בשם ומלכות. און אונדזער ר׳ ברוך האָט געשעפּט נחת פון דעם באַוואוסטזיין וואָס דורך אים קריגן יידן אַ מעגלעכקייט צו בענטשן בציבור און לויבן גאָט פאַר זיין חסד וואָס ער טוט מיט זיי.

און נאָכדעם ווי די אָנגעפּאָרענע האָבן זיך געקליבן אין וועג אַריין און מ׳האָט באַדאַרפט אויסגלייכן דעם חשבון פאַר אַט דער גאַסטפריינטלעכקייט האָט ר׳ ברוך אַיעדן יידן גערעכנט דריי גרייצער פאַר דעם ביסל בראָנפן וואָס זיי האָבן געטרונקען איידער זיי זיינען זיך געגאַנגען וואַשן.

זיין חשבון איז געווען אַזוי: דעם בראָנפן קויפט ער דאָך לשם־פּרנסה, דאַרף ער דערפאַר קריגן באַצאָלט. אָבער דאָס עסן איז גאָטס מתנה, דאַרף ער דערפאַר קיין געלט ניט נעמען. זיין שכר איז וואָס יידן מאַכן אַ ברכה און פאַר דעם וועט ער קריגן באַצאָלט איבער הונ־דערט און צוואַנציק יאָר.

דאָס איז געווען ר׳ ברוך׳ס פּשוטער באַגריף וועגן „עקאָנאָמיע".

2

די באָבע חיה

די באָבע חיה איז געווען אַ יידענע אַזוי ווי אַלע יידענעס אין איר צייט. זי איז געווען אַ געטרייע יידישע טאָכטער און האָט אָפּגעהיט אַלע ווייבערשע מצוות, געפירט אַ כשר הויז, דערצויגן קינדער און אויסגעלערנט זיי צו זיין אַזעלכע גוטע און פרומע ווי זי אַליין האָט עס פאַרשטאַנען און אַזוי ווי זי האָט עס איבערגענומען פון איר מאַמען און באָבעס.

קיין צאינה וראינה לייענען האָט זי טאַקע אַליין ניט געקענט, דאַווענען אַליין אויך ניט, נאָר אין די זאַכן האָט זי זיך איינגע־הערט מיט כוונה ווען אַנדערע ווייבער, קענערקעס, האָבן פאַר איר פאָרגעלייענט, און צוגעשאָקלט מיט איר פרומען קאָפּ און נאָכגעזאָגט אמן וואו מ׳האָט יאָ באַדאַרפט און וואו מ׳האָט ניט באַדאַרפט.

האָט די פאָרלייענערין, ביי איניקע שטעלן, אַרויסגעלאָזט אַ גע־וויין, האָט די באָבע מיטגעוויינט. ביי אַנדערע געשיכטעס, ווי דהיינו יוסף מיט די ברידער, האָט די באָבע חיה זיך ביטער צעוויינט, אויסגע־וויינט איר יידיש האַרץ, — און ניט דווקא האָט עס געמוזט זיין אַן אמתע טרויעריקע געשיכטע, וואָס מ׳האָט פאָרגעלעזן אין עברי־טייטש, וועלכע זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳זאָל מאַכן אַזאַ באָבע חיה צו וויינען. אויך נאָכזאָגנדיק דאָס דאַווענען מיט אַ יידיש־ווייבערשן ניגון האָט מען געקאָנט קומען צו אַזאַ מין תפילה וואָס מ׳האָט אפשר באַדאַרפט זאָגן מיט שמחה, און פונדעסטוועגן האָבן זיך די יידענעס צעלאָזט מיט אַ געוויין — און די באָבע חיה האָט מיטגעוויינט.

גוט און פרום

די פרומקייט און דער גאַנצער יידישער מצב האָט שוין דערצו מיטגעבראַכט אַז יידישע טעכטער זאָלן האָבן איבער וואָס צו וויינען.

וועגן פּרנסה און גידול־בנים האָט אַ יידישע מאַמע געהאַט זיך צו זאָרגן אַזוי ווי דער יידישער טאַטע, און אַמאָל נאָך מער. — נו, האָט עפּעס אויסגעפּעלט אויף וואָס צו וויינען? און אויף גלות־השכינה האָט מען אויך געוויינט. מ׳האָט געוואוסט אַז דער קב״ה איז אין גלות און מ׳דאַרף וויינען.

פונדעסטוועגן האָט דער באָבע חיהן ניט אויסגעפּעלט צייט, אַחוץ וויינען, אויך צו טאָן אַ ביסל מצוות. — אַזוי האָבן זיך שוין אַזעלכע באָבע־חיהס, אין דער אַלטער, יידישער היים אויסגעזוכט מצווהלעך יעדע אויף איר שטייגער.

אָט די באָבע חיה איז געווען אַ הייבאַם. פאַר קיין פּרנסה האָט זי די מלאכה ניט געוואָלט מאַכן, אין פלעצער וואו מ׳קען באַצאָלן איז זי ניט געגאַנגען, אָבער פאַר אַ מצווה וועגן יאָ. — און אַזוי ווי קיין אָרימעלייט האָבן אין אונדזער שטעטל ניט געפעלט, אַזוי פלעגט זי אַלעמאָל אָפּנעמען ביי אָרימע ווייבער זייערע קינדער און האָט געפירט אויף איר שטייגער, אַ געוויסע בוכהאַלטעריע וועגן דער צאָל אָפּגע־מעכצן.

שרייבן האָט זי דאָך ניט געקענט, האָט זי זיך איינגעשאַפט אַ שטריק, און ביי יעדעס מאָל אָפּנעמען אַ קינד האָט זי געמאַכט אַ קניפּל. — און אַזוי האָט זי געבונדן קניפּלעך ביז אין אירע אַלטע יאָרן אַריין. און ווען זי האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן האָט זי געבעטן אַז מ׳זאָל איר דעם שטריק מיט די קניפּלעך אַריינלייגן אין קבר אַריין.

אָפּציילנדיק די קניפּלעך זיינען זיי געווען בסך־הכל 256.

— אַזויפיל באַשטימטע מצוות האָט זיך אַ פּשוטע יידענע מיטגע־נומען אין קבר אַריין, אַחוץ די ניט געציילטע מצוות...

3

די נעכטיקערס

ביי אונדז אין שטעטל זיינען, אַ חוץ אַ רב, אַ דיין, צוויי שוחטים, אַן אַלטער הייזעריקער חזן און צוויי שמשים (איינער אַ שול־שמש און דער צווייטער אַ בית־המדרש־שמש), קיין אַנדערע אָרגאַניזירטע כלי־קודש ניט געווען.

אַלע קהל׳ישע באַדערפעענישן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דעם בית־המדרש און שול־לעבן. איעדער האָט זיך זיין גייסטיקן הונגער באַפרידיקט מיטן אָפּדאַוונען יעדן טאָג אין דער וואָך שחרית און מנחה־ומעריב און שבת און יום־טוב דאָס אייגענע דאַוונען, נאָר מיט מער הייליקער און געהויבענער שטימונג. — אַזוי איז עס געווען, יאָר־איין און יאָר־אויס. דער רב איז געווען די העכסטע אינסטאַנץ און אַלץ איז געגאַנגען כשורה.

אַ חברה־קדישא איז גראָד יאָ געווען, אָבער פון זיי האָט מען נאָר געוואוסט, אַז שמחת־תורה קומען זיי זיך צוזאַמען און כאַפּן אַריין אַן איבעריק גלעזל משקה, אָבער אַ גאַנץ יאָר האָט מען פון זיי ניט גע־הערט. — אַז ס׳איז אויסגעקומען זיך מתעסק צו זיין מיט אַ מת האָט זיך יעדער באַטייליקט וואָס איז נאָר ניט געווען קיין רך־לבֿ, און ניט קיין כהן. און אין דער טרויער האָט, כמעט, דאָס גאַנצע שטעטל געהאַט אַ שותּפות. — ס׳האָט זיך אָנגעזען אַז איין מיטגליד פון דער געמיינדע האָט געפעלט.

ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט אַז אַ חשובער חולה איז אין סכנה, האָבן קיין תהלים־זאָגערס ניט געפעלט. ס׳האָבן זיך געשאַפן מנינים׳־לעך און מ׳האָט געוואָלט אָפּבעטן ביים רבש״ע דעם גזר־דין. — יעדער

איינער האָט געפּילט אַן אחריות פאַרן חולה און מ׳האָט צוגעלייגט אַ קרעכץ מיט אַ תפילה. קוים אָבער האָבן די אַלע זאַכן ניט געהאָלפן און דער גזר־דין איז אויסגעפירט געוואָרן, האָט יעדער עס אויפגענומען מיט אַ ברוך־דיין־האמת. — יעדער האָט זיך געפילט אין טרויער...

אָבער עס איז געווען איין אינסטיטוציע וואָס ס׳איז כדאי זי צו דער־מאָנען און דאָס זיינען: די נעכטיקערס.

קיין ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע איז עס ניט געווען, קיין פאַרזאַמלונ־גען האָט מען ניט אָפּגעהאַלטן, און דאָך, ווען ס׳איז געקומען אין אַן עת־צרה האָבן קיין בעלי־רחמים ניט געפעלט. — ניט אָרגאַניזירטערהייט האָבן זיך געשאַפן גרופּקעלעך ביי יעדן פאַל באַזונדער און מ׳האָט אויס־געפירט די אַרבעט בשלימות.

אַזוי ווי פון קראַנקן־שוועסטער האָט מען ביי אונדז ניט געוואוסט, פון קיין שפּיטאָל אוודאי און אָוודאי ניט, אַזוי האָט זיך ביי אונדז אַנטוויקלט אַ קראַנקנשוועסטער־סיסטעם אויף אַ גאָר אייגנאַרטיקן אופן.

ווען אַן עלטערער מענטש איז קראַנק געוואָרן און שכנים האָבן געוואוסט אַז די אייגענע משפּחה איז שוין צופיל אויסגעמאַטערט, האָבן זיך צונויפגערעדט עלטערע מענטשן און יעדע נאַכט זיינען געגאַנ־גען אַנדערע צוויי און האָבן געטאָן זייער קראַנקנשוועסטער־אַרבעט. האָט זיך געטראָפן אַזאַ פאַל ביי אַ יונגן חולה, האָבן עס יינגערע מענטשן געטאָן. ביי מענער זיינען געווען מענער־נעכטיקערס און ביי ווייבער — „ווייבער־נעכטיקערינס״.

אַלטע מענער און אַלטע ווייבער, יונגע מענער און יונגע ווייבער, בחורים און מיידלעך — אַלע האָבן זיי אויסגעפירט זייער עובדה לויט די אומשטענדן. אַזוי אַרום האָט מען געגעבן דער אייגענער משפּחה אַ מעגלעכקייט, זיך אַביסל אויסצורוען, אַז זיי זאָלן האָבן כוח בייטאָג אַרומצופּאַדן ביי דעם חולה. — אין אַזאַ סכנה־צייט האָט מען זיך, צוזאַמענגערעדטערהייט, אַן מיטינגען און אָן טומל, צוזאַמענגענומען היינט דער און מאָרגן יענער, אַז מ׳זאָל לייכטער מאַכן דער משפּחה פונם חולה זייער צרה, און אויך פאַרן חולה גופא, אַז ס׳זאָל אים

מאַכן זיך פּילן בעסער, ווען ער ווייסט, אַז מענטשן אַרום אינטערעסירן זיך מיט אים.

ניט איין נפש איז אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן פון צוזאַמענבּרוך. ס׳האָט געגעבן מוט אויסצוהאַלטן דעם קריזיס.

ס׳איז אָבער אויך געווען איין ייד אינם שטעטל וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל דאָקטאָר, ער האָט זיך אַביסל פאַרשטאַנען אויפן דופק, און ער האָט זיך געפילט מחוייב צו גיין צו יעדן חולה און געבן אינסטרוקציעס די אייגענע און די נעכטיקערס ווי אַזוי אַרומצוגיין אַרום דעם חולה. — ער האָט פאַרלייכטערט די אומבאַהאָלפנקייט.

דאָ האָט ער געהייסן איינרייבן מיט אַביסל ספּירט, דאָ צולייגן אַ נאַסן האַנטוך און דאָ גלאַט אַזוי מילך־מיט־וואַרעמע־וואַסער.

ער האָט זיך אויסגעקענט אויף די זאַכן, און מ׳האָט גענומען זיינע באַפעלן זייער ערנסט, און זיי פּינקטלעך דורכגעפירט.

פאַר דער אַרבעט האָט, נאַטירלעך, קיינער ניט געקראָגן באַצאָלט, אפילו ביי פאַרמעגלעכע מענטשן האָט מען גאָרניט גענומען, נאָר די לעצטע האָבן עס גוט געמאַכט מיט נדבות פאַר אָרעמע.

ביקור־חולים איז געווען אַ פּשוטער חוב פאַר איעדן, מע דאַרף אַ מצווה־זאַך טאָן, אָן וועלכער עס איז אוממעגלעך צו קריגן באַלוינונג דערפאַר אויף דער וועלט.

דאָס איז געווען פּרימיטיוו, דאָך מאָראַליש־הויך. — אַ ספּאָנטאַנע אָרגאַניזאַציע, געבויט אויפן יסוד פון קעגנזייטיקער הילף, פאַרטונקט אין פרומקייט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט גוטסקייט...

4

די קליינשטעטלדיקע „דערפינדער"—טרוימער

(געווידמעט מיין פריינט: ישראל שלום-נאכמאלעס)

אין יעדן קליינעם שטעטל האָבן זיך, תמיד, געפונען פון דער נאַטור באַגאַבטע מענטשן, מיט „גאָלדענע הענט", און זיי זיינען עס געוואָרן די שטאָטישע אומן-ידס. זיי האָבן זיך קיינמאָל קיין זאַך ניט געלערנט און דאָך האָט זיך זייער מומחהשאַפט אויסגעשפּרייט אויף פאַרשיידענע געביטן פון מלאכהשאַפט, און זיינען נאָכגעקומען די באַדערפענישן פון זייער סביבה.

אַזעלכע מענטשן זיינען מייסטנס אַרויסגעקומען פונעם אָרימען באַלעבאַטישן קלאַס, וואָס האָבן זיך פון אָנפאַנג גענומען צו אַלץ, ניט צוליב מלאכה, נאָר צוליב דראַנג אַלץ צו קענען, אַזוי זיך, אַמאַטאָריש, פון קונסט וועגן. — זיי זיינען געווען עילויים מיט גוטע קעפּ און געבענטשטע הענט. פון אַלעם האָבן זיי אַביסל געוואוסט, און געקענט עס בפועל אַרויסברענגען.

מיט זייער חוש זיינען זיי אַריינגעדרונגען אין די סודות פון די פאַרשיידענע אומנותן און האָבן אַרויסגעצייגט אויפטועריש געשיקט-קייטן.

וואָלטן זיי זיך קאָנצענטרירט אויף איין געביט, און עס שטודירט גרינטלעך, וואָלטן זיי זיכער אויסגעוואַקסן גרויס אין זייער פאַך. די צרה איז אָבער געווען וואָס זיי האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן דערצו. —

געטריבן פון אַן אינערלעכן דראַנג, האָבן זיי זיך געפלייסט צו לייזן אַלע פּראַקטישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען זיי אונטערגעקומען

אונטער דער האַנט, צוקוקנדיק זיך צו זייער שטוביקן און אַרומיקן לעבן. — פאַר אַלע באַדערפענישן איז מען געקומען צו זיי, און מ'האָט געוואוסט אַז זיי וועלן זיך שוין ספּראַווען מיט אַלעם. טראָץ זייער פרומקייט האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ חוש פאַר דאָס קינסטלערישע שיינע.

זיי זיינען זיך צוביסלעך צעוואַקסן אין אַן אינסטיטוציע, מיט וועלכער דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך באַנוצט.

אָנגעפאַנגען האָבן אַזעלכע טאַלאַנטן מיט מאַכן זאַכן פון אַ רעליגיעז ריטואַלן איינהאַלט, ווי צ. ב. חנוכה־דריידלעך פאַר קינדער, פורימדיקע אויסשטאַטונגען פאַר אַלערליי שפּילן, גראַגערס אויך צו פאַרקלאַפּן המנען דעם קאָפּ, פּסחדיקע באַפּוצונגען פאַר די אָרימע שטיבער, ל"ג־בעומר־ביקסלעך, פלעכטעכצן פאַר דעם לולב און הדסים, באַשיינונגען מיט פּאַפּירענע פייגל, פּאַפּירענע אָדלערס, לעמפּ־לעך און אַלערליי באַפּוצעכצער פאַר דער סוכה. פאַר שמחת־תורה האָבן זיי ווידער געמאַכט פענער פאַר קינדער מיט פאַרשיידענע קינסט־לערישע אויסשניצערייען און אויפשריפטן, — יעדעס יאָר אין אַן אַנדערער פאָרם. און זיי האָבן דערין אַריינגעלייגט זייער נשמה, כדי די קינדער זאָלן האָבן דערפון גרויס הנאה.

אינצווישן זיינען זייערע פינגער געווען באַשעפטיקט מיט שרייבן קונציקע שיר־המעלותלעך, מאַכן מזרחים, צייכענען שויתים — אויך מיט פאַרשיידענע פאַנטאַסטישע געמעלעכצן, נאַטירלעך אויפן פּריי־מיטיוון שטייגער.

צוביסלעך האָבן זיך אַזעלכע מענטשן אויך גענומען צו מאַכן אַ שילדל פאַר אַ געוועלבל, אויך אַ מאַטראַץ, ביי אַ מער פאַרמעגלע־כער באַלעבאָסטע, די צעפּאַרענע שפּרינזשינעס צוזאַמענצוביינדן. — אַז ס'איז איינעם קאַליע געוואָרן אַ וואַנט־זייגער, האָט מען זיך אויך געווענדט צו דעם שטאָטישן „קינסטלער" און ער האָט זיך דערמיט אַזוי לאַנג מתעסק געווען ביז ער האָט עס געמאַכט צום גיין. האָט אַ באַלעבאָסטע, אָדער אַ שניידער געהאַט אַ ניימאַשין, וואָס איז פלו־צים קאַליע געוואָרן, די נאָדל האָט זיך איינגעשפּאַרט און האָט ניט

געוואַלט טאָן איר שליחות ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, איז מען געלאָפן צום שטאָטישן מושלם־בכל־המעלות, און מ׳איז געווען זיכער אַז ער וועט עס שוין מאַכן צום אַרבעטן. — און וואונדער איבער וואונדער: ער האָט אויסגעפונען דעם סוד פון דער קאָמבינאַציע ווי אַזוי אַ זינגער־מאַשין־נאָדל אַרבעט פון אויבן און פון אונטן אין דער זעלבער צייט און די שטעפּ קומען זיך צוזאַמען, און ס׳מאַכט פון צוויי שטיקלעך סחורה איין שטיק.

אַזוי אַרום איז אַזאַ בטלניש בחור׳ל אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מעכאַנישער וועלט, און זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט, און גע־נומען אַרבעטן אויף נייע דערפינדערישע פּלענער.

אַך, ווען אַזאַ בחור׳ל וואָלט נאָר געווען ביי זיך געהאַט די פּאָ־סיקע מכשירים און וואָלט געווען געקראָגן די נויטיקע שולונג וואָלט אַזאַ איינער, אפשר, באַרייכערט די וועלט מיט נייע דערפינדונגען!

זייערע געדאַנקען האָבן באמת געאַרבעט אויף פּראָדוקטיווע זאַכן, צו פאַרלייכטערן דעם מענטשנס לעבן און אַרבעט, ניט צו פאַר־שקלאַפן אים אָדער אומברענגען, זייער מאָראַלישע סביבה האָט זיי שוין פון אַט־דעם ביז פּאָרהיט.

אַזאַ איינער, אַ געבוירענער „מעכאַניק", זעט זיך צו ווי זיין מאַמע און אַנדערע יידענעס פּליקן פעדערן פון די גענדזלעך, וואָס מ׳שעכט ווינטער צו האָבן שמאַלץ אויף פּסח, זיינען אַזוי פאַרעסקט טאָג איין טאָג אויס, אין יעדער פרייער מינוט, זיי גרייטן עס צו מיט וואָס אָנצושיטן די ציכלעך און מאַכן קישנס און פערענעס פאַר זייערע טעכטער, אם־ירצה־השם, ווען זיי וועלן זיי אויסגעבן אין אַ מזלדיקער שעה. — און באַלד פאַלט אים איין אַ געדאַנק אַז אַ מאַשין פאַר פעדערן־פּליקן וואָלט געווען אַ וואונדערלעכע זאַך!... ער קלערט דאַרויף און האָט שוין אינעם מוח אויסגעאַרבעט אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי אַזאַ מאַשין צוזאַמענצושטעלן, אָבער ער האָט ניט די פינאַנ־ציעלע מעגלעכקייטן דערצו. — ווערט עס שוין ביי אים פּשוט אַן אידעאַל צו באַגליקן די „מענטשהייט" מיט אַזאַ דערפינדונג, אָבער די כוחות דינען אים ניט דערצו.

און אינצווישן קומען אונטער אַנדערע טעכנישע אויפגאַבעס און מ׳מאַכט דעם שטאַטישן מושלם־קינסטלער באַשעפטיקט מיט אַנדערע זאַכן.

אַט די טיפֿן יונגעלייט זיינען איינפאַך געוואָרן די אַרויסהעלפער פון אַלעמען אין זייערע צרות, און ס׳האָט זיך שוין ביי זיי איינגע־שטעלט אַ פרייז פאַר איעדן באַזונדער — לויט דעם פינאַנציעלן מצב פון די קונדן.

ביי אַן אָרימאַן, אַז מ׳האָט אים ניט געוואָלט פאַרשעמען, האָט מען גענומען עפּעס, פון יוצא וועגן; ביי אַ מיטלמעסיקן יידן האָט מען גענומען אַביסל מער; און ביי אַ קאַפּיטשקע פאַרמעגלעכן האָט מען גענומען נאָך אַביסל אַ העכערן פרייז, אָבער אַלץ איז געווען אויס־גערעכנט אַזוי אַבי די נשמה צו דערהאַלטן. — זיי האָבן אַלץ געטאָן לטובת־הכלל אויף זייער אייגענעם שטייגער. זיי האָבן אויסגעחשבונט אַז אַזוי פיל און אַזוי פיל איז גענוג פאַר דעם ביסל קענטניש וואָס זיי האָבן יענעם אָוועקגעגעבן.

קיין צו גרויסע אַמביציעס האָבן זיי פאַר זיך ניט געהאַט.

זייער גאַנצע פרייע צייט און חלומות האָבן זיי אַוועקגעגעבן אויף קלערן און שאַפן עפּעס נייעס, אָבער צוליב זייער אָרעמקייט האָט זיך קיין זאַך ניט גערירט פונעם אָרט.

און ווען ס׳האָט זיך אויסגעפּיקט נאָך אַזאַ טאַלאַנט אין אַזאַ קליין שטעטל, האָט שוין דער צווייטער געמוזט זוכן די ווייטע וועלט, וואו ער האָט שוין געפונען די זאַכן, צו וועלכע דער גורל האָט אים באַשטימט. — פאַר קאָנקורענציע איז אין אַזאַ שטעטל קיין פלאַץ ניט געווען. אַזוי אַרום האָט די גרויסע וועלט ניט איין קינסטלער געקראָגן.

ווען ס׳איז געקומען די צייט, ווען די קליינשטעטלדיקע קינסט־לער, האָבן שוין באַדאַרפט טראַכטן וועגן עפּעס אַ תכלית, ווען ס׳איז שוין געקומען צו אַ שידוך, האָבן זיך שוין אַזעלכע פאַרשווינען גע־מוזט דערטראַכטן צו עפּעס אַ סטאַבילער מלאכה, פון וועלכער זיי וואָלטן קענען ציען, מער ווייניקער, חיונה.

אַט למשל, אַ מצבה־שלעגער איז ניט קיין שלעכטע באַשעפטי־

קונג; שטאַרבן איז אַלעמאָל אין דער מאָדע, און מ׳דאַרף אַנקומען צו אַ פרעמדן מצבה־שלעגער, וואָס פאַרט פון שטאָט צו שטאָט און מאַכט זיך זיין שטיקל אַרבעט, — איז פאַר וואָס ניט מאַכן אַליין מצבות?

און באַלד האָט זיך אַזאַ בחורל גענומען צו מצבות־קריצן, און קונדן האָבן אים שוין ניט געפעלט. ער האָט אַריינגעלייגט זיין, נאָך שיינקייט בענקענדיקע, צאַרטע נשמה אין די האַרטע שטיינער, און האָט אויסגעקליבן פאַר אַ יעדן אַן אַנדערן נוסח, געמאַכט דערצו נאָך פאַרשיידענע באַצירונגען: דעם אַ הירש (רץ־כצבי), און דעם אַ לייב (גיבור כארי), דאָ אַ מנורה און דאָ אַ קריגל מיט בוימל. אַ כהן האָט מען באַשאָנקען מיט צוויי־הענט צום דוכענען און אַ לוי האָט געהאַט זיין צייכן. אַ ייד אַן אָרימאַן איז געווען אַן איש־תם־וישר אויפן שטיין, און אַ ייד אַ תלמיד־חכם האָט געקראָגן שוין העכערע טיטולן. — הכלל, ניט ווילנדיק, איז אַזאַ איינער גאָר גע־וואָרן דער באַזאָרגער און צושטעלער פון טיטלען פאַר אַלע שטעטל־לייט, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר. און מ׳קען ניט זאָגן אַז ער האָט עס ניט געטאָן מיט איבערגעבנקייט, מיט באַגייסטערונג. ער האָט זיך אין זיין מלאכה פאַרטיפט, מיט אַלע זיינע חושים זיך אין דעם אַריינגעטאָן.

ער האָט דאָך יעדן געקענט פערזענלעך, האָט ער שוין געוואוסט ווי אַזוי יעדן באַזונדער צו באַהאַנדלען. ער האָט איינפאַך מיט זיין נשמה יעדן געזאָגט זיין לעצטן אָפּשייד־וואָרט, מיט יעדן ריר פון זיין געצייג און מיט יעדן קלאַפּ פון זיין האַמער.

און אויך דאָ, ביי דער פרנסה, האָט ער אויסגעחשבונט אַז פאַר אַן אָרימאַן דאַרף מען אַביסל ווייניקער רעכענען און אַ מער פאַרמעג־לעכן אַביסל מער. — קיין גזלן איז אַזאַ בעל־מלאכה ניט געווען.

אויך אַ חוץ דער מצבה־שלעגעריי האָט מען באַדאַרפט האָבן נאָך עפּעס אויסצופילן די צייט, און מ׳האָט זיך נאָך אַנגעהאַלטן אַן איינער פון די פריער פּראַקטיצירטע מלאכות, וואָס האָט זיך אַרויסגע־צייגט צו האָבן אַ שטיקל פּראַקטישן ווערט.

און מיט דעם אַלעם צוזאַמען איז אַזאַ ייד געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. מ׳האָט געקענט זען ווי ער טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אָרעמקייט, סיידן ס׳האָבן זיך געמאַכט אַנדערע מזלדיקע אומ־שטענדן, וואָס האָבן אַביסל פאַרלייכטערט די שווערע מערכה.

אַז די ווייב איז געווען אַ יידענע אַ קאָזאַק, און האָט אַביסל אונטערגעהאַנדלט מיט מילך, האָט עס, ווייניקער, גרינגער גע־מאַכט דעם עול פון פרנסה. און אַז ניט מילך, האָט מען געקענט קויפן אַ פּאָר הינדעלעך, אַ קאַטשקעלע, אַ פּאָר שאָק אייער, און עס פאַרקויפן צו די מער פאַרמעגלעכע באַלעבאָסטעס, און מאַכן אַ פּאָר זעקסערלעך אַ וואָך. — און ווען אַזאַ יידענע האָט זיך געקענט צוכאַפּן צו אַ צעלניק אויפן מאַרק, און דאָרט פאַרקויפן שפּיצן, נאָדל און פאָדים, און אַלערליי קנעפּלעך פאַר די גויים, איז אַוודאי געווען גוט. — דאָס איז שוין געווען אַ מער באַלעבאַטישע פרנסה און ס׳האָבן זיך שוין דערצו געפאָדערט סוחרישע פעאיקייטן.

ניט איינע פון אַזעלכע ווייבער האָבן דעם מאַן ארויסגעהאָלפן און פאַרזיסט אַ קאַפּיטשקע זיין ביטערן שלים־מזלדיקן דאַברי־מזל.

און ער, דער בעל־החלומות, האָט זיך געהאַלטן אין איין חלומען: אוי, ווען ער קען דאָס מאַכן די פעדערן־פליק־מאַשין, וואָלט ער דאָך געקענט ווערן אַ גביר !... אַ סימן האָט ער דאָך געהאַט: אַזאַ איינ־פאַכע זינגער־מאַשין, וואָס איינער אין אַמעריקע האָט זיך דערטראַכט צו איר, האָט אַזש אַנגעשפּאַרט אין זיין קליין שטעטל, — נו און פעדערן פליקן דאַרף מען ניט? עס וואָלט זיך דאָך צעגאַנגען אין דער גאַנצער וועלט, און ס׳וואָלט מענטשן פאַרלייכטערט די אַרבעט, און ער וואָלט זיך אויך ניט גענאַרט דערביי.

ער האָט אויך געהערט, אַז דערזעלבער זינגער האָט זיך דאָרט אַרויפגעאַרבעט, אין אַמעריקע, אויף דער העכסטער גביידע אין דער וועלט, — נו וואָלט ער עס ניט געקענט באַווייזן? ! אָבער וואָס זאָל ער, נעבאַך, טאָן אַז עס פעלן אים די „ממתקים", וואָס מ׳דאַרף דערצו האָבן, און ער קען זיך פונעם אָרט ניט רירן.

אַך, ווען דאָס מזל גיט זיך אַביסל אַ דריי!

און אַזוי האָבן זיך ביי אַזעלכע יידן, אין זייער ביטערער דאָליע אַלעמאָל געבאָמבלט זייערע האָפענונגען, און אַזוי אָרום זיי געשטאַרקט אַריבערצוטראָגן גוטמוטיק נויט און דחקות. — דער קערפּער האָט זיך קוים געהאַלטן, דאָס פּנים בלאָס, און דער שפּרודלדיקער מוח האָט נאָך אַלץ געקוועלט מיט פּלענער, פּראָיעקטן, אויפטואונגען. זיי האָבן דאָך געהאַט עפּעס אין זיך צו קענען באַגליקן די וועלט, אָבער אַלע טויערן זיינען פאַר זיי געווען פאַרשלאָסן. ווען דער רבש״ע באַווייזט עפּעס אַ נס וואָלט זיך אַלץ איבערגעדרייט, און זיי מיטן ווייב און די שוין אָנגעקומענע קינדערלעך, וואָלטן אויפגעריכט געוואָרן, און מ׳וואָלט ניט באַדאַרפן זיך אַזוי פּלאָגן. בסך־הכל מיינען זיי דאָך גוט, ווילן באַזאָרגן די מענטשהייט מיט נייע דערפינדונגען, אָבער די מענטשהייט זעט ניט זייער נשמה, שאַצט ניט זייער אַמביציע, און דערפאַר, נעבאַך, קען די מענטשהייט ניט געניסן פון דעם אַלעם גוטן, וואָס זיי וואָלטן פאַר איר געקענט טאָן...

און אַזוי האָבן זיך אַזעלכע דערפינדונג־מנחם־מענדלעך אויסגעלעבט זייערע יאָרן מיט רייכע חלומות, אָבער אָרימען וואָר. זיי האָבן אָפּגעפּיצטעטרט אין זייערע ענגע, חושכדיקע ד׳ אמות, מיט הויכע, ליכטיקע, אידעאַלן, אָבער קיינער האָט זייער אינערן קול ניט פאַרנומען. ס׳איז געווען אַן אידעאַל לעבן, מיט אַ קבצנישער ווירקלעכקייט — אָבער אַ שיין לעבן.

דער עולם אָרום האָט גראָד געהאַט פאַר זיי אַן אייגנאַרטיקן דרך־ארץ. מ׳האָט זיי אויך, אפשר, געהאַלטן אין זייער הויכער מעלה.

אַזעלכע „פּראַקטישע״ מושלמים האָבן מיר געהאַט אַ סך אין אונדזערע שטעטלעך אַ שאָד וואָס זייערע פעאיקייטן זיינען אַוועק אין ניוועץ. — חבל על דאבדין.

אָבער נאָך אַזאַ איינעמס מצבה־קריצערס טויט האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער טאַלאַנטירטער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַרונטערגעקאָפּירט דעם פריערדיקנס קינסטלערישע אויסהאַקרייען אויף די מצבות — און האָט אויך זיין פאַראויסגייער באַשאָנקען, אויס דאַנקבאַרקייט, מיט אַ מצבה: פּה נטמן איש תם וישר!...

5

די מומעביילע, ז״ל, און איר משפחה

ווען די מומע ביילע איז געבליבן אַ יתומה, ווען איר טאַטע, דער שוחט, איז געשטאָרבן און זי איז אונטערגעוואַקסן און קיין נדן איז ניט געווען, האָט זי מיט איר מוטערס, דער אַלמנהס, צושטימונג און אויף דעם פאַרלאַנג פון איר שוועסטערקינד אין אַמעריקע, באַשלאָסן צו פאָרן אין דער טרפהנער מדינה זיך אַ נדן צו פאַרשאַפן.

און אַזוי ווי די וועגן פון גאָט ברוך הוא זיינען פאַרבאָרגן, האָט זי דאָ, אין אַמעריקע, איר זיווג געטראָפן און האָט חתונה געהאַט מיט מיין פעטער דוד.

מיט פרנסה האָט מען זיך צוביסלעך איינגעאָרדנט. פון אַ גע־וועלב האָט מען געצויגן חיונה און די משפחה איז וואָס אַ יאָר גע־וואַקסן, ביז מ׳האָט געהאַט אַ פאַמיליע, אָן קיין עין־הרע, פון אַכט קינדערלעך.

דאָס עלטסטע קינד איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן און דאָס יינגסטע האָט ערשט געהאַלטן ביים געבוירן ווערן. לויט דעם אַמערי־קאַנעם געזעץ זיינען די דערוואַקסענע קינדער געגאַנגען אין „סקול״ און אין דער זעלבער צייט אויך געגאַנגען אין חדר אַריין און מ׳האָט געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך אויפצוציען אַ גוטן יידישן דור.

דאָס צווייטע קינד, אַ מיידל פון אַ יאָר 16, האָט געענדיקט „היי־סקול״ און שוין געאַרבעט אַלס בוכהאַלטערין אין אַ געשעפט. אָבער דאָס וואָס דער עלטערער בחור האָט עפּעס געהאַט אַ נייגונג צו שפּילן באַל „פּאַ אַמעריקאַנסקי״ האָט דער מומע ביילען זייער ווייי

געטאָן. זי האָט איינפאַך מורא באַקומען אַז אירע קינדער זאָלן חלילה ניט אויסוואַקסן קיין גויים.

אין דער שטוב האָט מען אָנגעהאַלטן יידישקייט מיט אַלע איינ־צעלהייטן. אפילו דער באַל־שפּילער האָט גראַד געדאַוונט יעדן טאָג און אָפּגעהיט אַלע אַנדערע פרומקייטן, דאָך האָט עפּעס דער מומעס יידיש־האַרץ געציטערט און געטראַכט וואָס צו טאָן.

אין איינעם אַ שיינעם טאָג, נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת מיטן פעטער דוד, האָט מען באַשלאָסן אַז די מומע און די אַלע קינדער זאָלן פאָרן אין דער אַלטער היים (גאַליציע) און דער פעטער דוד זאָל נאָך דאָ בלייבן און זען וואָס ווייטער צו טאָן. און אַזוי האָט פּאַסירט: די טאַנטע האָט צוזאַמענגענומען פון גרויס ביז קליין — און היידאַ אין וועג אַריין!

דער פעטער דוד, אָבער, בלייבנדיק דאָ אַליין, האָט זיך געפילט אומעטיק. האָט ער לאַנג ניט געקלערט, אויספאַרקויפט אין אַמעריקע זיין פאַרמעגן, אַ הויז מיט אַ געשעפט, און נאָכגעפאָרן זיינע בני־בית אין דער אַלטער היים.

זייענדיק דאָרט אַ געוויסע צייט האָט מען דאָך געדאַרפט קלערן וועגן אַ תכלית, איז מען מיט דער הילף פון אייניקע עצה־געבערס געקומען צום באַשלוס אויפצובויען אַ מיל, צו מאָלן מעל אויף אַ נייעם שטייגער. — די געגנט, וועלכע מ'האָט אויסגעקליבן, דעמביץ, איז גראַד געווען צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ אונטערנעמונג, און, מיט גאָטס הילף, האָט מען אויפגעבויט אַ מיל וואָס איז געגאַנגען ניט בלויז דעמאָלט ווען די וואַסערן האָבן געהאַט חשק צו דרייען די רעדער, נאָר אַז מ'האָט אַריינגעגאָסן געגנוג בענזין און געגעבן אַ דריי אַ גרויסן ראָד האָט זיך דער ראָד צעיוזשעט און געמאַכט זיך באַוועגן אַלע רעדלעך מיט די מילשטיינער — און ס'האָט זיך געמאָלן מעל.

די מיל האָט אַרויסגעגעבן ווייצענע, קאָרענע און פאַרשיידענע סאָרטן אַנדערע מעלן און מ'האָט זיך איינגעאָרדנט אַ באַלעבאַטישע פּרנסה.

אַחוץ אַ מילנער, אַ געדונגענעם מעכאַניק, וואָס איז געווען בקי אין די שרייפלעך פון דער מאַשינעריע, און דעם אָנקל דוד, האָט זיך אויך די עלטסטע פון די טעכטער, רייזל, איינגעשפּאַנט אין דער מלאכה און ווי עס איז, איז אַלץ געגאַנגען כשורה.

עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג און דער עלטסטער בחור משה האָט איינגעזען אַז די לופט דאָרט אין דעם שטעטל איז עפּעס ניט פאַר אים. — מ'האָט געשטעלט צו אים צו שטרענגע פרומע פאָדערונגען, און ער האָט באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין אַמעריקע. ווען מיט גוטן האָט ניט געהאָלפן האָט ער אָנגעפאַנגען צו סטראַשען, ער האָט טאַקע באַוויזן אַז ער האָט מוט גענוג אַרויסצוגיין אָפן מיט קלות־ראש, — און באין־ברירה האָט מען אים געמוזט צוריק־שיקן אין דער טרפהנער מדינה.

די יינגערע ביימלעך, אָבער, איז נאָך געווען אַ מעגלעכקייט אַביסל צו בייגן.

אָט, למשל, דאָס צען־יאָריקע יינגל, מרדכי, האָט שוין באַוויזן אין אַ קורצער צייט צו פאַרלאָזן זיך פּאַהלעך אַזש ביז צום האַלדז, און ער איז געווען אַ גאַנץ לעבעדיק בחורל, כאָטש מיט די לאָקעלעך אַרונטערהענגענדיק. אַ 13 יאָריק מיידל, חנה, איז אויך געווען, אָבער אַ מיידל איז דאָך פּטור פון מצוות, אַחוץ וואָס זי דאַרף זיין אַ כשרע יידישע טאָכטער, האָט מען זיך מיט איר ווייניק מתעסק געווען. די נאָך קלענערע זיינען באַשטאַנען פון אַן אַכט יאָריק יינגל, יודל, אַ זעקס און אַ האַלב יאָריק הערשל, אַ פיר יאָריק מיידעלע רחלע און אַ גאַנץ קליינס (וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן אין וויעליפּאָליע קומענדיק אַהיים) וואָס האָט זיך געגראַטשקעט אויפן... און איז אַלעמאָל געווען הונגעריק — אַ שיעלע.

דאָס איז געווען דער גאַנצער געזעמל אויף וועלכן מ'האָט גע־דאַרפט משפּיע זיין אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן אמתע יידן.

נאַטירלעך האָט די מומע ביילע געטאָן איר ערלעכע פליכט אויפּ־צופּאַסן אַז קליינוואַרג זאָלן אָפּהיטן, יעדעס לויט זיין עלטער, די יידישע דינים און מנהגים.

אַז מרדכי האָט געבעטן עסן האָט אים די מומע געפרעגט צי האָט ער שוין געדאַוונט. יודל מיט הערשלען זיינען שוין שולדיק געווען דעם רבונו של עולם אַ וואַשן זיך די נעגל, זאָגן מודה־אני און מאַכן המוציא און אַ קריאת־שמע לייענען אאַז״וו.

האָט זי געוואָרפן אַ חשד, אַז מען זאָגט ניט דעם גאַנצן אמת וועגן עפּעס אַ פרומקייט, האָט זי זיך ניט געאיילט נאָכצוקומען עפּעס אַ פאָדערונג פון דער קליינוואַרג, און באין־ברירה האָט מען זיך שטאַרק געמוזט היטן צו זיין גוט און פרום.

זי אַליין, אַחוץ איר באַשעפטיקונג יעדן פרימאָרגן אָנצוגרייטן אָנ־בייסן פאַר דער משפחה, איז אויך באַלד געוואָרן פאַרנומען מיט איר אייגענעם קרבן־מנחה סידור, מיטן דאַוונען. זי האָט געטאָן איר הויז־אַרבעט און אין דער זעלבער צייט געמאַכט אַ צוג ווייטער אינעם סידור. — אַזוי אַרום האָט זי געטאָן צוויי מלאכות מיט איינמאָל: געדאַוונט און געגעבן חברה עפּעס אין מויל אַריין, און דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן כמעט ביז מיטאָג צייט. דעמאָלט ערשט, אַז זי איז פאַר־טיק געוואָרן מיט אירע אייגענע פרומע התחייבותן, האָט זי זיך ערשט געקענט וואַשן, מאַכן המוציא און עסן אָנבייסן. און באַלד האָט זי שוין באַדאַרפט קלערן מכוח מיטאָג־עסן, אויפרוימען די צוויי שטובן און נאָך קליניקייטן. — נישקשה, זי האָט קיין עין־הרע געהאַט געגנוג מי ווי אַזוי אויסצוחשבונען איר צייט.

דאָס איז אָבער געווען איין זייט פון דער מטבע בנוגע זיך און דעם אייגענעם עולם. אָבער אַ יידישע טאָכטער דאַרף דאָך אויך טאָן אַביסל מצוות פאַר אַנדערע, אַזוי האָט זיך צוביסלעך געמאַכט, אַז אָרע־מע יידן וואָס פלעגן אַריינקומען אין דער פרי פאַר אַ נדבה האָבן שוין אין איין וועגס אויך געקראָגן אָנבייסן, און אַזוי אַרום האָט זיך אַנט־וויקלט ביי דער מומע ביילען אַ גאַנצע אינסטיטוציע מיט אָנבייסעכץ. — מיט דער צייט האָבן שוין אַלע אָרימעלייט געוואוסט אַז ביי דער „מילנערקע" קריגט מען אי עסן אי אַ נדבה — און ס'פלעגן שוין קיין בעלנים ניט פעלן.

דאָס איז געווען יעדן טאָג אין דער וואָך, אָבער פרייטיק, ווען זי האָט אַליין געקנאָטן חלה אויף שבת און ברויט פאַר אַ גאַנצער וואָך האָט זי אויך ניט פאַרגעסן אַריינצוקנעטן אין געוויסע געבעקסן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען און נאָכדעם איינשפּאַנען די קליינוואַרג און דורך זיי צעשיקן עס אין אָרעמע הייזער וועלכע האָבן זיך ניט געקענט פאַרגינען אַזעלכע נאַשערייען — און אַלס צולייג אויך מעל אויף שפּעטער.

און אַזוי איז זיך דאָס לעבן געגאַנגען זיין וועג: די יאָרן האָבן זיך גערוקט. — אַז רייזל, די העלפּערקע אין דער מיל, האָט חתונה געהאַט, האָט חנה גענומען העלפן אין דער מיל. ווען חנה האָט נאָכדעם באַשלאָסן אַז ס'איז פאַר איר קיין תכלית ניט אין דער היים צו פאַרבלייבן האָט זי מיט פאַרשיידענע שפּיצלעך אויסגעפּועלט ביי טאַטע־מאַמע אַז מ'זאָל זי צוריקשיקן קיין אַמעריקע. — נו, האָט מרדכי, שוין אַ פערצן־יאָריקער בחור, איבערגענומען דאָס מיטהעלפן אין דער מיל.

אינצווישן איז דער אָנקל געשטאָרבן — און פאַרן שטאַרבן האָט ער ניט פאַרגעסן צוצורופן די מומע ביילע און בעטן, אַז זי זאָל אים צוזאָגן דעם שכר פאַר אַ העלפט פון די מצוות וואָס זי האָט ביז איצט זיך איינגעשאַפט. זי האָט באַמירלעך גלייך נאָכגעגעבן די בקשה און נאָך פאַרגרינגערט זיין גסיסה מיט דער באַמערקונג אַז: ווען דער פעטער וואָלט איר ניט געגעבן די מעגלעכקייט וואָלט זי דאָך קיין מצוות ניט געקענט טאָן.

אַזוי איז ער געשטאָרבן מיט אַ רואיק געמיט.

פאַר אַ געוויסער צייט האָט מרדכי, שוין אַ זעכצן־יאָריק יינגל, גענומען די מיל־עבודה אויף אייגענער אחריות, אָבער אויך ער האָט באַלד איינגעזען אַז ער מוז זוכן זיין תכלית אין זיין געבוירן־לאַנד אַמעריקע, אַזוי איז ווידער געפאַלן דער עול פון מאַכן די מיל־שטיינער אַרבעטן און איבערהויפּט דער גאַנצער פרנסה־יאָך אויפן פופצן־יאָריקן יודל.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער ערשטער וועלט־קריג איז אויסגעבראָכן און מ׳האָט איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס און זיך געראַטעוועט קיין טשעכאָ־סלאָוואַקיע. — דאָרט האָט מען דורכגעלעבט די פּאָר יאָר קריג אַזוי ווי מ׳קען זיך פאָרשטעלן אונטער די אומשטענדן: יודל איז געווען דער גאַנצער פּרנסה־געבער אַר־בעטנדיק דאָרט ערגעץ אין די פליכטלינג־מקומות, אין אַ מיל, ביז דער קריג איז געווען פאַראיבער, און מ׳איז צוריקגעקומען צו דער נחלה וואָס מ׳האָט אין צייט פון קריג געלאָזט אויף הפקר.

צוריקקומענדיק האָט מען דאָרטן מער קיין גאַנצע מילשטיינער ניט געפונען און אויך די מאַשינעריע איז געווען פאַרשוואונדן. — צי במזיד צי בשוגג האָט שוין אַ קריג אַזאַ טבע אַז אפילו אַן אומשול־דיקע מיל וואָס מאָלט מעל פאַר עסן, ניט צו מאַכן קאַנאָנען, דאַרף אויך ליידן. — און מ׳האָט באַדאַרפט אָנפאַנגען אַלץ פון דאָס ניי.

יודל איז דעמאָלט געווען אַ דערוואַקסענער בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, און ער האָט זיך גענומען איינאָרדענען די אַלט־נייע פּרנסה, און ער האָט עס געמאַכט ניט שלעכט. די מומע ביילע, ווידער, האָט איר קרבן־מנחה סידור געהאַט געראַטעוועט קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און דעם זעלבן סידור צוריקגעבראַכט.

מ׳האָט זיך ווידער איינגעאָרדנט, יודל איז געוואָרן דער גאַנצער פאַרזאָרגער, צוריק אויפגעשטעלט אַלץ, און די מומע ביילע האָט זיך ווידער גענומען צו איר אַלטן שטייגער לעבן: געדאַוונט און געגעבן צדקה.

די לעצטע פּאָר יאָר, שוין מיט אַביסל מער קנייטשן פון צער, מיט מער פרומקייט פאַר זיך אַליין, מיט צדקה לויט די כוחות — און מיט אַביסל נאָכגעביקייט וועגן דער יידישקייט פון די קינדער, לויט ווי זי האָט עס פאַרשטאַנען.

באַלד נאָכן צוריקקומען פון טשעכאָסלאָוואַקיע האָט הערשל, דער ייִנגערער פון יודלען, אַביסל צוגעהאָלפן, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע. אַזוי איז נאָך איבערגע־בליבן רחלע, אַ כלה־מיידל און שיע דער ייִנגסטער ווי אַ מיטהילף

אונטער יודלס פירערשאַפט. — זיינען דורכגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר יאָר, יודל האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן און זיך זוכן זיין אייגענעם וועג פון פרנסה, איז איצט דער עול פון דער מיל געפאַלן אויפן יינגסטן שיע — און די מומע ביילע האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן איר אַלטן פיר פון געבן צדקה ווי פריער.

מיט אַ צייט שפּעטער איז אויך יודל אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און די איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטישקייט איז זיך געגאַנגען איר וועג.

אַז ס'איז געקומען די צייט ווען מ'האָט אָנגעשלאָגן רחלען שידו־כים און זי האָט איר זיווג געפונען אין אַן אַנדער שטעטל, וואו דער חתן האָט זיך געהאַט זיין אייגן געשעפט און ס'איז שוין ניט געווען מיט וועמען אָנצוהאַלטן די אַלטע רחבותדיקעווירטשאַפט, האָט מען אָנגעפאַנגען צו זוכן קונים פאַר דער מיל, וועלכע האָט אין זיך אַזוי פיל מצוות און מעשים־טובים אַריינגעזאַפּט.

גאָט האָט געהאָלפן, די מכירה איז דורכגעגאַנגען און שיע האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, וואו זיין עלטערע שוועס־טער רייזל האָט זיך איינגעפונדעוועט מיט אַ בכבודער פרנסה, איז אויך די מומע ביילע אַוועקגעפאָרן, מיט די איינגעזאַמלטע פאַר טויזנט גילדן פון דעם מיל־מקח, צו איר טאָכטער רחלע אויסצולעבן אירע לעצטע פאַר יאָר.

און דאָרט, זייענדיק ביי דער טאָכטער, האָט זי מיט אירע אָפּ־געשפּאָרטע געלטער געפונען אַ וועג ווי אַזוי אָנצוגיין מיט אירע מצוות אויף אַן אַנדער שטייגער. — איר טאָכטער און איידעם האָבן איר געלט ניט באַדאַרפט, נו, האָט זי זיך געפונען יידן וואָס דאַרפן האָבן אַ גמילת־חסדל פאַר מסחר אָדער אַזוי דורכצולעבן אַ שלעכטע צייט. — האָט מען אָפּגעגעבן, איז געווען רעכט, האָט מען ניט צוריקגעגעבן, איז אויך געווען רעכט. קיינער האָט ניט געוואוסט וועמען און וויפיל זי האָט געגעבן, ביז זי האָט איר לעצטן סוד מיטגענומען מיט זיך אין קבר אריין.

זכרונה לברכה...

6

אַלטער און נייער ברית

א.

אַלט־מאָדיש ברית

אַ היימיש־יידישע מאַמע און אַלע אַרום איר האָבן אין אַ קינד, אַ יינגל, באַלד פון אָנפאַנג געזען, אין זייער פאָרשטעלונג, דעם סוף: אַ שטול אין גן־עדן. מ׳האָט זיך אינעם געדאַנק שוין אָפּגעמאָלן דעם גאַנצן לעבנסגאַנג.

אָן וואַקלונג האָבן זיך די געדאַנקען פון אַ יידישן מענטשן אויף אַ נאָרמאַלן אופן געפּעדעמט פון סאַמע אָנפאַנג ביזן סאַמע סוף. — און דער אָנפאַנג הייבט זיך אָן פון דעם, וואָס אונדזער זיידע אברהם האָט געשלאָסן דעם בונד מיטן רבונו של עולם.

מ׳קען זאָגן, אַז אינסטינקטיוו, אָן ספּעציעלע פילאָסאָפישע פאַרטיפונגען האָט יעדע פּשוטע מאַמע און אַלע אַרום געשפּירט אַ געוויסע אחריות צו דעם „בונד״ וועלכן מיר האַלטן שוין אָן פיר טויזנט יאָר.

צוערשט האָט מען ביי אַזאַ קימפּעטאָרין אַריינגעשטעלט אַ שפּאַניש װענטל און אויפגעהאַנגען שיר־המעלותלעך, אין וועלכע ס׳זיינען געווען אויסגעשריבן לשון־קודשדיקע און תרגום־לשונדיקע שפּרוכן קעגן ניט־גוטע. דערנאָך האָבן חדר־יינגלעך געהאַט יעדן טאָג זייער אַרבעט צו גיין לייענען קריאת־שמע מיט זייער באַהעלפער — אויך אַ סגולה קעגן דער סטרא־אחרא. — בשכר זה האָבן די יינגלעך געקראָגן ניסלעך און דאָס האָט זיי געגעבן חשק דעם צווייטן טאָג ווידער צו קומען, און אַזוי ביז צום ברית.

און שבת נאַכט, פאַר דעם ברית, זיינען זיך שכנים און נאָענטע

צוזאַמענגעקומען צום בעל־הברית אין הויז וואו מ׳האָט געגעסן אַרבעס און צוגעטרונקען אַביסל ביר. — דאָס האָט געהייסן: שלום־זכר.

קיין עליה פאַרן בעל־הברית צו קריגן דעם זעלביקן שבת איז ניט געווען נייטיק, ווייל דאָס נפשל האָט נאָך ניט געהאַט קיין נאָמען, און אַזוי זיך צו מאַכן דער קימפעטאָרין אַ „מי־שברך" איז געווען איבעריק.

די מוהלים זיינען מייסטנס געווען די שטאָטישע שוחטים — דער־פאַרענע פאַכלייט. אויך מציצה איז געווען זייער אַרבעט. דאַן זיינען איינגעטיילט געוואָרן ביי אַזאַ געלעגנהייט פאַרשיידענע כבודים: סאַנ־דיק, קוואַטערס, ברכה זאָגן, געבן אַ נאָמען אאַז״וו.

אַז מ׳איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער רעליגיעז־צערעמאָניאַלער זייט, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ מזל־טוב ווינטשן, דאָס קינד זאָל דער־לעבן לתורה, לחופה ולמעשים־טובים, און באַלד איז געוואָרן פריילעך, און עס האָבן זיך באַוויזן לעקעך און בראָנפן.

און נאָכדעם, אויב דער בעל־הברית איז געווען פאַרמעגלעך האָט מען געפּראַוועט אַן אמתע סעודה און דער עולם האָט געשמאַק געגעסן און זיך לוסטיק געמאַכט. מ׳האָט געזונגען זמירות און ווידער געגעסן.

ניט איין אָרימאַן, ביי וועמען אַ שטיקל פלייש איז געווען אַ יקר־המציאות אַ גאַנץ יאָר, האָט זיך ביי אַזאַ שמחה גוט אָנגעקאָרמעט און מ׳קאָן זאָגן אַז אַזעלכע אָרעמע־לייט האָבן טאַקע צוגעוואונטשן דעם בעל־הברית אַ מזל־טוב מיט גאַנצן האַרצן.

און בשעת־חדווה האָט מען געגעבן נדבות צו נויטבאַדערפטיקע און אַלע האָבן זיך געפילט אמת יום־טובדיק.

ב

האַלב מאָדערנער ברית

ווען אַ יונג פאָרל האָט איינגעשטימט צו ווערן מאַן און ווייב, ווייסן זיי זייער לאַגע און אַלץ איז אויסגערעכנט.

איז מען בכוח און מ׳וויל האָבן אַ קינד ווערט מען געוואויר

גוט און פרום

באַלד פון אָנהויב וועלכער דאָקטאָר איז גוט אין דעם פאַך און ער, אַט־דער דאָקטאָר, ווערט שוין דער גאַנצער דעה־זאָגער: וויפל עסן, וויפל שלאָפן, וויפל רוען, אאַז״וו. ביז עס קומט די צייט ווען ער דאַרף טאָן זיין אַרבעט. — און נאָכדעם אפילו, איז ער דאָך ספּעציאַליזירט אין הלכות־האָדעווען, פרעגט מען ווידער דעם אייגענעם דאָקטאָר: וויפל מילך, וויפל סיריעל, וויפל דאָס, וויפל יענעס. — הכלל — אַלץ גייט צו וויסנשאַפטלעך.

דער מענטש איז דאָך אָבער ניט מער ווי אַ מענטש מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן, סיי אין מעלות, סיי אין חסרונות, — נו, אַז עס קומט צו איינער אַ מיטגליד אין דער משפחה ווערט אַ פרייד אין הויז און עס ווילט זיך טיילן די שמחה מיט אַנדערע פון דער משפחה און פריינט, און דאָס מוז מען אויך וועלכן עס איז אופן אויסדריקן.

איז אַנשטאָט שיר־המעלותלעך מיט קריאת־שמע לייענען ווערט אַן אָפּרופעניש אויפן טעלעפאָן אין שפּיטאָל און אין דער היים, עס ווערט לעבעדיק, און אַלע פריינט פרייען זיך.

אַנדערע ווייבער קומען באַלד צו לויפן אין שפּיטאָל און מ׳צעקושט זיך אויפן ווייבערשן שטייגער, און אַמאָל פאַר פרייד וויינט מען אַביסל צו, — און אַנדערע, וויטער, לאָזן עס אויף שפּעטער. די ווייבער שמועסן וועגן אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי איז עס דורכגעגאַנגען פון אָנהייב ביזן סוף: וואָס פאַר אַ גוטן דאָקטאָר זי האָט געהאַט און וואָס פאַר אַ קינד דאָס איז? אַ שטילס אָדער אַ וויינערל? אַ שיינס? און וויפל פונט עס וועגט? און ווי האָבן עס טאַטע מאַמע און אַלע נאָענטסטע פון דער משפחה אויפגענומען אאַז״וו, אאַז״וו.

דעם קליינעם חתן־בחור האָט מען ניט די מעגלעכקייט צו זען ווען מ׳וויל, נאָר ווען ס׳מאַכט זיך אַ שעת־הכושר. דהיינו: אַז די נוירס ברענגט דעם קליינעם צו דער יניקה האָט מען דעמאָלט די זכיה צו זען דעם אָנגעקומענעם אורח. און דאָס אויך נאָר דאַן ווען מ׳טוט אָן אַ מאַסקע אויפן פנים און מ׳קוקט אויס ווי אַ פורים־שפּילער. בזה האופן שאַפט זיך אַ געוויסער דרך־ארץ, אויף אַ מאָדערנעם שטייגער, צום נייעם אָנגעקומענעם דור.

מאַכט איינער אַ ברית־מילה אין שפּיטאָל מיט אַן אייגענעם מוהל און איבעריקע כלי־קודש, און כאָטש עס קוקט פון אָנפאַנג אויס מער ענלעך אויף אַ טעאַטער־שטיק ווי אויף אַ היימישער ברית־מילה, ווייל די נוירס זעט אויס צו זיין דער סאַנדיק און דער קוואַטער און אַלץ מיט אַנאַנדער און דער עולם האָט בלויז אַ געלעגנהייט צו זען עס פון דער ווייטנס פון אַן אָפּגעטיילטן צימער מיט אַ גלאָז, און דער איי־גענער טאַטע און אַלע וואָס באַשעפטיקן זיך דערמיט זעען גיכער אויס ווי פאַרשטעלטע, דאָך האָט מען נאָך אַ מעגלעכקייט צו פּראַוועון איי־ניקע היימישע מנהגים ווי שלום־זכר און אַ סעודה. — אָבער קריאת־שמע לייענען מיט די שיר־המעלותלעך האָבן שוין דאָ געפעלט.

ביי אַנדערע ווידער, ווען זיי פּטרן עס אָפּ אין שפּיטאָל מיט לעקעך און בראָנפן און אַ לייכטן ביים, טראָגט עס מער אַ פאַמיליע־כאַראַקטער ווי אַ רעליגיעזע סעודה.

ג

אַ מאָדערנער ברית

אַ יונג פּאָרפאָלק, דער מאַן, למשל, אַ פידל־קינסטלער און די פרוי אַ יידיש אַמעריקאַנערין. ביידע האָבן זייערע יוגנטלעכע פרייע צייט אַוועקגעגעבן און גיבן אויך ווייטער אַוועק פאַר צוועקן וואָס זיינען ניט דווקא ספּעציעל יידישע. מען איז „קאָסמאָפּאָליטיש", און דאָך ווען זיי זיינען געוואָרן עלטערן פון אַ ניי־געבוירן יינגל, האָבן זיי דעם אַלטן בונד אינגאַנצן ניט צעריסן.

ווען די פאַרצווייגטע משפחה און פריינט זיינען געוואויר געוואָרן אַז דאָס יונגע פּאָר האָט זוכה געווען צו האָבן אַ קדישל האָט ממש די לופט געטאַנצט פון שמחה. — די טעלעפאָנען האָבן איבערגעגעבן פון איינעם צום צווייטן די נייע געשעעניש און מ'האָט זיך געווינטשעוועט און געפרייט. יעדער איינער און יעדע איינע האָבן געוואוסט יעדע איינצלהייט ווי אַזוי דער גאַנצער גאַנג פון די ניין חדשים ביז צום „האָבן" איז דורכגעגאַנגען, וואָס פאַר אַ לעצטע מעטאָדן מ'האָט אָנ־

געוועגדט. אַז זי האָט ניט געהאַט קיין חבלי־לידה איז אויך געווען אַ טעמע פאַר די וויכטיקסטע געשפּרעכן, און כאָטש עס איז געוואָרן אַ שמחה ביי יעדן איינעם ביחידות, דאָך, קען מען זאָגן, אַז איינעם געדאַנק איז עס געווען אַ פרייד בציבור.

ווער, ווי, ווען „ברית" האָט מען זיך ניט פאַראינטערעסירט. מ'האָט געוואוסט, אַז אויף וועלכן עס איז אופן וועט עס קומען צום אויסדרוק. — די פאַרגאַנגענהייט וועט זיך באַהויפּטן אויף איר אייגענעם אופן. דער יונגער דור איז נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט דעם אַלטן דור.

דעם ברית־מילה האָט טאַקע דער דאָקטאָר, דער הונדערט־פּראָצענטיקער פאַכמאַן, געמאַכט אָן אַ מנין און אָן ברכות. אַז דער טאַטע האָט אַביסל פאַרשפּעטיקט, איז אויך געווען רעכט ניט צו וואַרטן אויף אים. — אין דער פאַראויס־באַשטימטער צייט איז די מלאכה אויסגעפירט געוואָרן פּינקטלעך.

איצט, ווען דאָס ווייבל איז שוין געווען ראוי אַהיימצוקומען מיט איר ניי געבוירן קינד, איז אָנשטאָט די היימישע ווייבערשע עצות ווי אַזוי אומצוגיין דערמיט, איז איצט געוואָרן דער טעלעפאָן צום דאָקטאָר דער הויפּט עצה־געבער. אַביסעלע נעמט מען טאַקע צו דער הילף דער אייגענער מאַמעס דערפאַרונג, אָבער דאָך טוט מען אַלץ אויף אַ וויסנשאַפטלעכן וועג. — מען ווערט איינפאַך אַ מאַמע מיט אַלע פּישטשעווקעס, רופט עס מאַדערן און רופט עס ווי איר ווילט, אָבער ס'איז אַ מאַמע מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דערציען אַ גוטן דור.

נאָר מיט דעם אַלעם האָט מען נאָך ניט אָפּגעפּטרט אַלץ בנוגע דער משפּחה און פריינט. מ'פילט, אַז מ'האָט נאָך ניט יוצא געווען אַנטקעגן אַלעמען.

נו, ווערט געפּלאַנעוועט עפּעס אַ שמחהלע, אָבער אָנשטאָט די ביז־איצטיקע ברית־מילה־שמחה, מאַכט מען אַ ברית־מילה־„פּאַרטי"...

און עס מוז ניט גראָד זיין צו אַכט טאָג, ווען די אָפּיציעלע „איינוויאונג" ווערט געפּראַוועט. מען אַראַנזשירט אַ „פּאַרטי" אָן איילעניש אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, און מ'קלייבט זיך אויס אַ שבת צו נאַכטס,

ווען אַלע, אַן אויסנאַם, וועלכע פילן זיך פאַרפליכטעט צו באַטייליקן זיך דאָרין, זאָלן קענען קומען.

מיט דער הילף פון גאָט אהורא־מאַזדאַ און זיין כהן־גדול עדיסאָן האָט מען איינגעאָרדנט אַז אינעם גאָרטן פונעם הינטערן מקום־מנוחה זאָל זיין ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך, טישן און בענקלעך האָט מען צונויפגעבראַכט לרוב און אויסגעשטעלט אין אַלע זייטן מיט אַ גע־וויסער סימעטריע. דאָס גראָז מיט די בלומען האָבן זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ פיינער טעפּעך אונטער די פיס.

עס האָבן זיך פאָרמירט סעפּאַראַטע גרופּירונגען, אייניקע דאָ, אַנדערע דאָרטן און דאָך איז פון דעם אַלעמען געוואָרן איין שמחה.

מ׳האָט אָנגעגרייט פון אַלעם גוטן: אי צום עסן, אי צום טרינקען, אי צום פאַרבייסן.

קיין זמירות האָט מען טאַקע ניט געזונגען, אָבער יעדער האָט זיך געפונען אַן אינטערעס אין זיין קרייזל. אייניקע האָבן געשמועסט וועגן פּאָליטיק און אַנדערע האָבן געהאַט עפּעס אינטימעס איבערצורעדן צווישן זיך. די פריינט פונעם באַלעבאָס, די פּאָך־קינסטלער, האָבן זיך געהאַט זייער ווינקל און זיי זיינען געווען אַזוי עולם־הזהדיק ווי אַלע אַנדערע.

ביר און אַנדערע געטראַנקען האָט מען צוגעשטעלט פון דעם פריש־אויפגעשטעלטן באַר אינעם גאַראַזש, וועלכער געפינט זיך הינטערן הויז. דער ראַביי פון דער געגנט, אַ נאָענטער פריינט פון דער משפחה, האָט זיך גראָד אויסגעקליבן זיין פּלאַץ לעבן דעם פראַ־וויזאָרישן סאַלון, און ער האָט וואָרשיינלעך אַליין געוואָלט אין זיך אַריינזאַפּן דעם גייסט פון אַזאַ שמחהלע, וועלכעס האָט נאָך ניט קיין באַשטימטן אויסגעאַרבעטן סדר.

פון צייט צו צייט האָט ער געכאַפּט אַ שמועס מיטן זיידן פונעם קינד.

דער זיידע, אַ געוועזענער ישיבה־בחור און אַן אויסגעשטודירטער אינזשעניר, האָט שוין זיכער אין זיין לעבן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע

עטאַפּן — נו, ווילט זיך מיט אַזאַ יידן זיך דורכוואַרפן מיט אַ פּאָר ווערטער.

קיין ספּעציעלע רעדעס האָט קיינער ניט געהאַלטן און דאָך האָט זיך געפילט אַ מין שמחה־של־מצוה — מיט התלהבות און אַביסל דביקות, פון אַ באַזונדערן סאָרט.

אינצווישן האָט דער זיידע פונעם קינד אַרומגעפירט אַ וועגעלע אויף דריי רעדער, אויף וועלכן ס'זיינען אַרויסגעלייגט געוואָרן פאַר־שיידענע אַנלאַקנדיקע נאַשערייען, — מיט איין וואָרט: פון כל־טוב.

ער האָט אויך גענומען באַשטעלונגען ווען ס'האָט זיך עמעצן פאַרשמעקט אַ פּאָרציע פון די מאכלים, וואָס זיינען אויפן וועגעלע ניט געווען.

אייניקע גויאישע שכנים האָבן דאָרט אויך ניט געפעלט. וואָר־שיינלעך שטימען זיי אויך איין מיט דער מצוה פון פרו ורבו.

און ווען ס'האָט זיך שוין די פרייד פון דעם צונויפקום אויסגע־שעפּט, ווען דער עולם האָט שוין געהאַט באַשלאָסן צו גיין אַהיים, האָבן זיך די יונגע טאַטע־מאַמע אַוועקגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג פונעם גאָרטן און האָבן יעדן איינעם באַזונדער באַדאַנקט וואָס מ'איז געקומען זיי אָפּגעבן דעם כבוד און טיילן זיך מיט זייער שמחה.

און מיט דעם האָט זיך געענדיקט די „ברית־מילה־פּאַרטי".

קיין נדבות האָט מען, ווי אויפן אַלטן שטייגער, ניט געטיילט. דאָס וועט טאָן דאָס יונגע פּאָרל אויף זייער אייגענעם שטייגער: זיי וועלן אַראַנזשירן קאָנצערטן, וואו דער באַלעבאָס וועט זיין דער איניציאַטאָר און טאַקע דער הויפּט־קינסטלער דאָרט, און די ווייבל וועט געבן פאָרשטעלונגען, וועלכע זי אַליין שרייבט אָן — און שפּילט מיט. און דאָס געלט וועט מען אַוועקגעבן פאַר אַ גוטן צוועק.

און אַזוי פלעכטן זיך אַריין נייע רינגעלעך אין דער אַלטער גאָלדענער קייט...

7

שמואלטשעס זון זלמן־הערש

שמואלטשע אליין איז געווען אַ פּשוטער ייד, וואָס האָט בלויז געקענט דאַווענען און מאַכן אַלע נויטיקע ברכות.

אויף מעביר זיין די סדרה בין איך ניט אַזוי זיכער, ווייל איך בין זיך משער, אַז דאָס איז שוין פאַר זיין יידישקייט געווען אַביסל צופיל.

יעדן טאָג אַ גאַנצע וואָך איז ער געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין דאַווענען צוויי מאָל אַ טאָג — אין דער פרי און פאַרנאַכט, אָבער שבת און יום־טוב, ווען די שול איז געווען אָפן, האָט ער געדאַוונט אין שול.

און אַפילו אין דער שול איז ער אויך ניט געווען פון די געהויבענע באַלעבאַטים, און אינעם שטעטל האָט מען מורא געהאַט מיט אים זיך צו זאַטשעפּען.

ווען ער פלעגט אַרויס פון די כלים האָט ער אויך געקענט געבן אַ מתנת־יד און דאָס האָבן יידן געהאַלטן פאַר ניט יידישלעך.

אַמאָל האָט זיך געטראָפן אַז מ׳האָט שמואלטשען געגעבן די הקפה פון עוזר־דלים, האָט שוין דער גבאי, באַלד אויפן אָרט, באַ־קומען זיין שכר־טרחה דערפאַר, און מ׳האָט שוין געוואוסט אַז מיט עוזר־דלים דאַרף מען שמואלטשען ניט מכבד זיין.

קיין צו גרויסער גיבור איז שמואלטשע גראָד ניט געווען, אָבער אַ שטיקל כעסן מיט אַביסל רוגזה האָט אים געהאָלפן זיך נוקם צו זיין אין אַביסל אַ שוואַכערן פון אים.

אָבער מ׳קען ניט זאָגן אַז יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט

זיך שמואלטשע געשלאָגן, ס׳איז אָבער געווען געגוג אין אַזאַ קליין שטעטל, ווי קאַרטשין, בלויז נאָר איינמאָל אָנצוגעמען עשו׳ס מידה כדי צו ווערן געשטעמפּלט פאַר אַ שלעגער.

ס׳זיינען גראָד געווען אינעם שטעטל געזינטערע יידן ווי ער. אייניקע האָבן ממש באַוויזן גבורות ווען די גויים פלעגן זיך צעיושען און ווייזן ווער ס׳איז באַלעבאָס איבער יידישע קעפּ. — דאָס זיינען אָבער געווען אַזעלכע מענטשן וואָס האָבן פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד, אָבער קיינמאָל ניט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַן אַנדערן ייד. פאַר אינערלעכע צוויסטיקייטן איז געווען געגוג אַנצואווענדן יידישע מיטלען.

די אַנדערשקייט פון שמואלטשען האָט אים אַביסל געשטעלט מחוץ־למחנה.

אינדערוואָכן און אום שבת־יום־טוב איז גראָד שמואלטשע גע־גאַנגען אָנגעטאָן אַזוי ווי אַלע יידן אינ׳ם שטעטל: אַ קאַפּעליוש, אַ בעקעשע אַ גאַנצע וואָך און שבת און יום־טוב אַ שטריימל מיט אַ זיידענער בעקעשע. געדאַוונט מיט אַ גאַרטל, געהאַט אויך אַ באָרד און פּאות, דאָך האָט זיך אויך ביי אַזאַ יידן, פון אונטער זיין יידישקייט, געקענט אַרויסכאַפּן אַ שטיקל גויאישקייט, און צו דעם האָבן אחינו ניט געקענט מסכים זיין.

קיין צו גרויסער גביר איז שמואלטשע ניט געווען. — פון די הינדלעך און פעלעכלעך (פון קיניקלעך) אויפקויפן אויף די יאַרידים און פון דעם ביסל ווייסע־פיש פאַרקויפן ערב־שבת, האָט ער קוים געהאַט פּרנסה. אויך דאָס ביסל אייער אויפקויפן האָט אים פאַר קיין עושר ניט געמאַכט, און דאָס האָט אים אַוודאי פאַרדראָסן. — אָבער קיין תרעומות צום רבש״ע האָט ער ניט געהאַט. ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז זיין מזל און מ׳דאַרף דאַנקען גאָט פאַר דעם.

אַ דאַוונער אָדער וואַשן זיך צום עסן און בענטשן נאָכן עסן האָט אַזאַ ייד קיינמאָל ניט פאַרפעלט, קינדער האָט ער געשיקט אין חדר אַריין, — זאָלן זיי כאָטש קענען דאַוונען אַזוי ווי ער, און בלייבן יידן ניט ערגערע פון אים.

ווען זלמן־הערש, שמואלטשעס עלטסטער בחור איז אַלט געוואָרן 9 יאָר און האָט שוין געקענט אַביסל דאַוונען, האָט אים זיין באָבע, וואָס האָט געוואוינט אין אַן אַנדער קליין שטעטל, וואָס מ׳האָט אויך געקענט אָנרופן דערפל, גענומען צו זיך. — דאָרט האָבן אויך געוואוינט זיינע פעטערס פון דער מאַמעס צד, וועלכע האָבן מער־ווייניקער געהאַט פּרנסה, און זלמן־הערש איז אויך געוואָרן אַ בן־בית ביי זיי.

דאָס גאַנצע דערפל־שטעטל האָט געצויגן חיונה פון האַנדלען מיט פערד און זלמן הערש האָט זיך מיט די פערד־הענדלער גוט איינגעלעבט. ער איז אויפגעוואַקסן צווישן די פעטערס און די פערד, ער האָט געטאָן שליחותן, אַלץ וואָס ס׳איז פאַרבונדן מיט סוסים און, מיט דער צייט, אויך מיטגעפאָרן אויף יאַרידים וואו מ׳האָט געקויפט־און־פאַרקויפט פערד, און ער איז איינגעזאַפּט געוואָרן מיט דעם דאָרפישן לעבן מער ווי מיט דעם שטאָטישן.

ווען זלמן־הערש פלעגט אַמאָל, אין אַ יאָר אָדער צוויי, קומען צו־גאַסט צו פאָטער און מוטער, פלעגט ער שנעל צוריקפאָרן צו זיי־נע אָנקלס. דאָרט האָט ער זיך געפילט היימישער. אַחוץ דעם, פלעגט ער אין זיין אייגענעם שטעטל הערן שטיקלעך באַמערקונגען, וואָס האָט אים געשטאָכן אין האַרץ. „אָ, דאָס איז שמואלטשעס זון? אַ טייער׳ער תכשיט, אַ פערד־גנב” — און נאָך ענלעכע ווערטלעך וואָס האָבן אים קיין פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפט. צו זען די אָרעמקייט פון זיין טאַטן האָט אים זייער וויי געטאָן און דערצו נאָך ווערט ער באַליידיקט פון די מיוחסים.

די אָנקלס האָבן גראָד געוואָלט אַריבערנעמען זיין טאַטע־מאַמע מיט דער גאַנצער משפחה צו זיך, אָבער עס איז געווען קעגן שמואל־טשעס כבוד צו נעמען זיך צו פערד־האַנדל. — נאָך מער: פון צייט צו צייט פלעגט ער קומען צו זיינע שוואָגערס מיט אַ ביטער האַרץ, וואָס זיין זון האָט געבאָן אַזאַ נידעריקע באַשעפטיקונג. „עס פּאַסט ניט פאַר מיין קינד”, פלעגט ער זאָגן, „אַזאַ פּרנסה”.

אָבער ווי די זאַך האָט זיך ניט געמאַכט, איז זיך זלמן־הערש, שוין אַ פופצן־יאָריקער בחור, מיט אייגענע אָפּגעשפּאָרטע געלט אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

דאָ אין אַמעריקע האָט זלמן־הערש דורכגעמאַכט זיין אייגענעם גיהנם. צוערשט האָט ער געאַרבעט ביי זיין אָנקל, דעם טאַטנס אַ ברודער, וועלכער האָט אים, נאָך אַ קורצער צייט, אָװעקגעשיקט. זיין אייגענער פּערדישער־יחוס און זיין טאַטנס „יחוס" האָט אים דאָ אַביסל פאַרפאַלגט, אפילו ביי אייגענע.

נאָכדעם האָט זיך זלמן־הערש געפונען אַן אַרבעט ביי פליקן הינער אין איין פּלאַץ, נאָכדעם אין אַן אַנדערן פּלאַץ. געטאָן פאַר־שיידענע מלאכות אָן גרויסע הצלחות, ביז ער האָט חתונה געהאַט. — און נאָך דער חתונה האָט זיך זלמן־הערש גענומען זוכן זיין גליק ביי ביר און בראָנפן געשעפטן און ביי דעם איז ער געבליבן.

הײַנט איז שוין זלמן־הערש אַ טאַטע פון צוויי גרויסע טעכטער מיט דריי זין. דער „אָנקל סעם" האָט אַלע זיינע זין געשיקט אין דער מלחמה מיט היטלערן און יאַפּאַן, און ער אַליין פירט זיך זיין גע־שעפט — און משפּחה־וועלט אָן וועלכער עס איז פאַרבינדונג מיט דער פאַרגאַנגענהייט.

דער צווייטער זון שמואלטשעס, מרדכי, האָט אויך דורכגעמאַכט דעמזעלבן אַרויספאָר פון זיין מקום, קאַרטשין, צו זיינע אָנקלס, אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל עברי, אָבער מיט אַן אַנ־דערן אויספיר.

מרדכי האָט אויך דורכגעמאַכט דעם פערדישן חדר, ער איז מיט־געפאָרן אויף די יאַרידים, געהאָלפן קויפן און פאַרקויפן פערד, און פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך דורכפאָרן זיין היימשטעטל, וואו ער האָט אָפּגעשטאַט ביי זיינע עלטערן אַ באַזוך. ער האָט זיך אָבער געפונען ביי זיינע אָנקלס ביז ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ שידוך מיט אַ מיידל, אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

דאָס שטעטל, וואו מרדכי האָט זיך באַזעצט איז גראָד געווען גרעסער ווי זיין געבורינפּלאַץ, אָבער ס'איז געווען אַזאַ סביבה וואו

אַלץ האָט געשמעקט מער מיט דאָרף ווי מיט שטאָט. — יעדער באַלע־באָס האָט זיך דאָרט געהאַט זיין הויז, אַ שטיקל פעלד, אַ בהמה, און אפילו דער רב פונעם שטעטל איז פון דעם דרך־העולם ניט אָפּגע־שטאַנען.

די פרומקייט אין דעם שטעטל (סטראָפּקעוו) איז געווען גלייך מיט דער פרומקייט פון זיין געבורטשטעטל און מרדכי האָט זיך גע־פירט זיין יידישן שטאָט לויט דער סביבה נאָך. אַז אין סטראָפּקעוו האָט אויך אַ באַלעבאַטישער ייד געקענט גיין אָן אַ שטריימל אום שבת אָדער יום־טוב, איז עס פאַר מרדכין אויך ניט געווען אַזוי נויטיק זיך צו קויפן אַ שטריימל. אַהיים צו זיין טאַטע־מאַמע פלעגט ער שוין זעלטן קומען, אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען מעבר־לים, און אויך זיך דורכשרייבן מיט זיין ברודער זלמן־הערש אין אַמעריקע איז ניט געווען נייטיק, ווייל ער האָט געהאַט פּרנסה און דערצו איז דאָס שרייבן פאַרביידן געווען אַ שווערע מלאכה.

ווען שמואלטשע איז געשטאָרבן האָט זיך זלמן־הערש פון אַמערי־קע אָפּגערופן און אויפגעהאַלטן די מאַמען ביז זי איז געוואָרן אַ הלכה־לעולמה. אָבער אויסער דעם האָט איין ברודער מיטן אַנדערן, אָדער שוועסטער און ברודער, וואָס זיינען נאָך געווען, איינער מיטן אַנדערן ניט געהאַט וואָס צו טאָן. — אַז דער ים האָט איינעם ערגעץ־וואו פאַרוואָרפן, האָט זיך יעדער געזאָרגט זיין אייגן שיפל, און מ׳האָט ניט געהערט איינער פונעם צווייטן.

און ווען דער צווייטער וועלט־קריג האָט אויסגעבראָכן און מ׳האָט געהערט אַז היטלער, ימ״ש, האָט אַלע יידן אויסגעהרגעט, איז זלמן־הערש געווען זיכער, אַז זיין גאַנצע משפחה איז צווישן די אומגעקומענע און אַזוי איז זיך זלמן־הערש אָפּגעקומען מיט אַ שטילן קרעכץ.

נאָר אַזוי ווי זאַכן גייען ניט אַלעמאָל צוגלייך מיט די גלייכע חשבונות, אַזוי איז עס מיט מענטשלעכן לעבן.

גראָד האָט זיך געטראָפן אַז מרדכי מיט זיין ווייב זיינען ניצול געוואָרן, קיין אַדרעס פון זיין ברודער זלמן־הערש האָט ער ניט גע־האַט, האָט זיך איינער דערבאַרעמט און אַריינגעגעבן אַן אַנאָנס אין

דער יידישער פּרעסע אַז מרדכי קוצנער (אַנשטאָט קירזשנער) פון סטראָפּקעוו זוכט זיין ברודער זלמן־הערש אין אַמעריקע, און גראָד האָט עס אַ לאַנדסמאַן דערזען און האָט עס זלמן־הערשן געלאָזט וויסן.

פון אָנפאַנג האָט זלמן־הערש געדענקט אַז ס'איז אוודאי אַ „רעקעט", אָבער נאָכדעם האָט ער זיך באַרעכנט און געגאַנגען אויסגעפינען אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס.

דאָרט האָט ער טאַקע אויסגעפונען אַז זיין ברודער און שוועגערין לעבן. נו האָט ער „געלאָזט" שרייבן זיין ברודער אַז ער איז ווילליק אים צו העלפן, זאָל ער אים נאָר שרייבן וואָס ער דאַרף.

דער ברודער מרדכי, ווידער, האָט זיך זייער דערפרייט צו הערן פון זלמן־הערשס ברייטוויליקייט אים צו העלפן, אָבער ער האָט אים געשריבן, אַז ער דאַרף פון אים גאָרנישט. ער האָט זיין היים און פעלד (אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע) צוריקגעקראָגן, נאָר ער זאָל אים שיקן אַ טלית־און־תפילין, — אַחוץ דעם דאַרף ער גאָרניט.

אָבער אַנדערע לאַנדסלייט פון זלמן־הערשן האָבן גראָד ניט געהאַט אַזאַ מזל ווי זיין ברודער מרדכי, דאָס רוב זייגען אויסגעהרגעט געוואָרן און אייניקע זיינען געראַטעוועט געוואָרן, אָבער אָן מיטלען צום לעבן.

און ווען ס'איז געקומען אַ קאָמיטעט פון אַ הילפס־געזעלשאַפט פון זלמן־הערשנס געבורטנשטעטל און זיך פאָרגעשטעלט אַלס לאַנדסלייט, פון וועלכע ער האָט זיך קוים געקענט דערמאָנען, זייגען אים אַרויף אויפן זכרון אַלע זיינע איבערלעבונגען פון קינדווייז אָן.

ער האָט עס געשילדערט בעסער ווי אַ שרייבער וואָלט עס געקענט טאָן. אַז נאָך ביז היינט פילט ער זיך ווי אָן אַרויסגעוואָרפענער, אַ פאַרביטערטער צו אַלץ און אַלעמען וואָס האָבן אים פון זיין קינדווייז אָן אַרומגערינגלט.

פון אַלעמען האָט ער זיך געפילט געקריוודעט זינט ער איז צו זיין שכל געקומען. באַליידיקט דורכן יחוס און באַעוולהט דורך נויט, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן אין זיינע יוגנט־יאָרן, דאָס טייטלען מיט

די פינגער פון די מיוחסימלעך: „שמואלטשעס זון״! שטייט אים נאָך פאַר די אויגן.

אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין געהאַט אַלע זיינע קריוודעס־און פאַרדראָסן אַראָפגערעדט פונעם האַרצן, גיט ער אַ מאַך: נו, יידן, נאָך וואָס זייט איר געקומען? און ווען זיי האָבן אים דערקלערט דעם צוועק פון זייער קומען, האָט ער געפרעגט: וויפיל, דענקט איר, דאַרף איך געבן?

און אַזוי ווי זיי האָבן פון פריער באַקומען אַ באַריכט אַז פון אים קען מען כמעט גאָרניט דערוואַרטן, האָבן זיי אים געזאָגט, אַז אַזעלכע זאַכן קענען זיי אים ניט דיקטירן. ער דאַרף אַליין באַשליסן וויפיל זיין האַרץ זאָגט אים.

די אונטערשטע שורה איז געווען אַז ער האָט געגעבן אַ גאַנץ שיינע נדבה, — נאָך מער ווי די יעניקע וואָס האָבן געוואָרפן אַ חשד אויף זיין יידיש־האַרץ, און וועלכע קענען אַליין געבן מער און גיבן ווייניקער.

דאָס איז די קורצע געשיכטע פון ר׳ שמואלטשעס זון זלמן־הערש. זאָל ער זיין געבענטשט...

8

מרדכילע מלמד

ווען מרדכילע האָט חתונה געהאַט קיין קאַרטשין איז ער געווען אַ בחור אַזוי ווי אַלע בחורים אין זיין צייט. קיין באַשטימטע פּרנסה האָט ער ניט געהאַט, נאָר מ׳האָט זיך פאַרלאָזט אויף גאָטס־באַראַט. — דער אויבערשטער העלפט אַלע יידן וועט ער אים אויך העלפן.

און אַזוי איז זיך אַ פרישער יונגערמאַנטשיק אַרומגעגאַנגען אין דעם קליינעם שטעטל און האָט געוואַרט אויף ניסים. — פאַר קיין סוחר האָט ער זיך ניט געטויגט, אָבער ווי ניט ווי איז מען דורכגעקומען: דער שווער־און־שוויגער האָבן אַביסל אַרויסגעהאָלפן, די ווייב האָט אונטערגעהאַנדלט אין די מאַרקטעג מיט אַביסל צעלניק — און מ׳האָט געהאָפט אויף בעסערע צייטן.

אינצווישן זיינען אונטערגעקומען צוויי קינדער: אַ ייִנגל מיט אַ מיידל. די מאַמע האָט שוין ניט געקענט אַזויפיל גבורות באַווייזן, די שווער און שוויגער זיינען ניט געווען פון די גרויסע גבירים, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מרדכילע זאָל פאָרן מעבר־לים, און פון מרחקים צושיקן אויף חיונה פאַרן הויזגעזינט, און אפשר וועט טאַקע טרעפן אַ גרויס גליק. ווער ווייסט? משנה־מקום משנה־מזל, און עס איז געבליבן אַז מרדכילע זאָל פאָרן קיין אַמעריקע און די ווייב מיט די קינדער וועלן בלייבן אין דער היים.

ווי־ניט־איז זיינען זיי דאָך צווישן אייגענע, און זיי וועלן ניט פאַרפאַלן ווערן. מ׳איז דאָך עפּעס צווישן יידן רחמנים בני רחמנים.

הכלל, קומענדיק קיין אַמעריקע האָט זיך אונדזער ר׳ מרדכילע ניט געקענט צושלאָגן צו די גאָלדענע געשעפטן, אויך דאָ איז ער

געווען ווי אויפן עולם־התוהו, קיין אייגענע אַמביציעזע פּלענער האָט ער ניט געהאַט און מיט דער הילף פון לאַנדסלייט האָט ער קוים באַוויזן צו קריגן אַרבעט אין אַ שניידער־שאַפּ.

קיין יוניאָנס האָבן די אַרבעטער אין יענע צייטן נאָך ניט גע־האַט, אַלץ איז געווען אָפּהענגיק אָן דעם גוטן־ווילן פון דעם בעל־הבית, און אום עפּעס צו מאַכן האָט מען באַדאַרפט אַרבעטן שווער און ביטער.

די שניידער־מלאכה איז געווען די איינציקע „טרעיד" וואו אַ ייד ווי מרדכילע האָט זיך געקענט פאַרגינען צו האָבן זיין שבת און יום־טוב, אַזוי אַרום קענען אָנהאַלטן אַביסל יידישקייט.

קיין שטונדן אַריינצואַרבעטן האָט מען ניט געזשאַלעוועט, אַבי מער צו פאַרדינען און צו קומען צו עפּעס אַ תכלית.

אָבער מיט אַלע גליקן און אָפּשפּאָרעבישן האָט עס דאָך ניט גע־קלעקט צו שיקן פאַר דער ווייב און קינדער אויף אויסקומעניש אין דער היים. — מען איז דאָך געפאָרן קיין אַמעריקע ניט צו בלייבן אין דעם טרפהנעם לאַנד, נאָר בלויז אַ געוויסע סומע אָנצוזאַמלען און קומען צוריק. און אַזוי ווי פאַר ביידע זאַכן, אי זאַמלען אי שיקן אַהיים אויף חיונה, האָט ניט געסטאַיעט, האָט זיך מרדכילע אָפּגעזאָגט פון צו שיקן אַ באַשטימטע סומע פאַר זיין אשה און בני־בית. נאָר פון צייט צו צייט האָט ער אויף אַ יום־טוב זיי מכבד געווען מיט אַ מתנה. פאַר אַ גאַנץ יאָר אָבער האָט ער זיך אָנגעטרויט גאָט־ברוך־הוא, אַז ער וועט זיין משפחה ניט פאַרלאָזן.

פאַר זיך דאָ, האָט ער אויך ניט צופיל פאַרלאַנגט און אויסגע־געבן. ער האָט זיין הוצאה אויסגערעכנט גאַנץ בצמצום, זיך ניט פאַרגונען קיין איבעריקן ביסן, געלעבט מיט דער האָפענונג עפּעס אָפּצושפּאָרן און אהיימפאָרן צו זיין ווייב און קינדער און זיך אויפפירן ווי גאָט האָט געבאָטן; צו זיין אַ ייד ווי אַלע יידן און ניט דאַרפן אַרבעטן עבודת־פּרך פאַר דעם אָרימאַנסקן שטיקל ברויט.

אין דער היים, אָבער, האָבן זיך ווייבער געשושקעט אַז מן־הסתם האָט זיך מרדכילע דאָרט אויסגעזוכט — ניט דאָ געדאַכט — עפּעס

אַ ווייבל, און האָט אָן זיין אשה און קינדער אינגאַנצן פאַרגעסן. — די אָרעמקייט פון שטוב האָט מען ניט געקענט באַהאַלטן, און ס'האָט געגעבן בייזע צינגער אין שטעטל אַ געלעגנהייט צו טרייבן רכילות.

און אַזוי זיינען זיך אַ פּאָר יאָר פאַרביי געלאָפן. און אין אַ שיי־נעם פרימאָרגן קומט זיך מרדכילע צופאָרן, אַזש פון אַמעריקע.

אינם שטעטל איז מען געווען איבערראַשט צו זען דעם גאַסט, און די אייגענע זיינען געווען נאָך מער איבערראַשט — און צופרידן.

דאָס בית־המדרש האָט אַריינגעקראָגן נאָך אין דאָונער און צוביסלעך האָט זיך דער עולם צוגעוואוינט צו זען דעם אַמעריקאַנער גאָסט אָנגעטאָן אַביסל רייגער ווי דער דורכשניטלעכער אָרעמער מיטל־שטאַנד מענטש האַלט זיך. — און מרדכילע, ווידער, האָט אויך צו־ביסלעך אָפּגעלאָזט פון זיין אַמעריקאַנער שטייגער, און האָט זיך איינגעלעבט אין דער אַלטער־נייער סביבה ווי געווען.

נאָך אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן אַזוי, ווי אַלע אַרום.

קיין גרויס פאַרמעגן האָט ער אַהיים ניט געבראַכט, און מ'האָט זיך ווידער געפרעגט: וואָס ווייטער ?

האָט זיך געמאַכט אַז ר' גדליה, זיין שוואָגער, האָט זיך געקליבן אויפצוגעבן זיין מעמד, — ער האָט גראָד געהאַט אַ שטיקל נייגונג צו מסחר, — און מ'איז דורכגעקומען צווישן זיך, אַז מרדכילע זאָל איבערנעמען דאָס דרדקי־חדר. — אַ שטיקל פּרנסה איז עס דאָך!

אַזוי האָט מרדכילע אָנגעפאַנגען צו קנעלן מיט די קליינע חברה אַלף־בית און עברי. — די נייע מלאכה זיינע האָט צוגעשפּילט צו פאַרפולקומען זיין היימישע בטלנות און, מיט דער צייט, איז שוין קיין זכר ניט געבליבן פון מרדכילעס פריערדיקער אַמעריקאַנישקייט.

געדאַוונט פרום האָט ער אַזוי ווי אַלע אַרום, אָנגעהאַלטן אַלע יידישקייטן האָט ער אויך אַזוי ווי אַלע אַרום, אָבער מ'האָט עפּעס גערעדט אַז ר' מרדכילע פאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק — גראָד ניט אַזוי ווי אַלע אַרום.

אויך האָט מען געזען אַז ר' מרדכילע גייט זיך יעדן אין דער פרי, פאַרן דאַוונען, טובל זיין, און דאָס טוט גראָד ניט איעדער פשוטער

ייד, נאָר די שוין גאָר פרומע. דאָך קיין גרויס חידוש פאַר אַזאַ שטעטל איז עס ניט געווען. — מילא, איז צוגעקומען נאָך אַ פרומאַק, כן ירבו. ווען אַלע יידן וואָלטן געווען גוט און פרום וואָלט דאָך משיח געקומען.

בייזע צינגער האָבן גראָד געזאָגט אַז דאָס טוט מרדכילע תשובה, ווייל זייענדיק אין אַמעריקע האָט ער אונטערגעזינדיקט... וויל ער איצט אָפּקומען פאַר זיינע זינד. — נו מילא, וואָס צינגער פּלאַפּלען.

אַזוי איז מרדכילע אַנגעגאַנגען מיט זיין קנעלן און זיין פרומ־קייט ביז די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן.

און אַזוי ווי דער קריג האָט אָפּגעווישט מער ווי אַ האַלב שטעטל און די מקוה אויך צווישן דעם, האָט שוין מרדכילע געמוזט גיין יעדן טאָג, פאַרן דאַוונען, קיין קראָס (דריי און אַ האַלב מייל פון קאַר־טשין) זיך טובל זיין, ער זאָל זיך קענען שטעלן דאַוונען מיט אַ ריי־נעם גוף פאַרן רבש״ע און אויסלייטערן זיין נשמה מיטן פייער פון התלהבות בשעתן דאַוונען.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער ווינטער מיט פראָסט, שניי, ווינטן. אַ געפערלעכע זאַווערוכע, עס קערט הימל און ערד. — ר׳ מרדכילע שטייט אויף מיטן ערשטן קריי פונם האָן. ער גיט אַ קוק דורכן פענצטערל: אַלץ איז פאַרשאָטן מיט שניי. ער גייט צו צום טיר — מ׳קען זי קוים עפענען. אַ גאַנצע גרודע אָנגעווייעט. ער טראַכט זיך: ניט איינמאָל האָט זיך אים שוין אַזעלכעס געטראָפן און ער האָט אַלץ גובר געווען. ער וועט ניט משנה זיין פון זיין מנהג. ער מוז גיין זיך טובלען. אַי די זאַווערוכע? ! ס׳איז גאַרניט, ס׳איז אַ מעשה שטן.

דאָס ווייב בעט זיך רחמים:

מרדכילע, וואו ווּעסטו גיין אין אַזאַ געפערלעכן וועטער? מ׳קען דאָך אַ הונט ניט אַרויסלאָזן אין דרויסן. — ר׳ מרדכילע ענטפערט ניט.

ער טראַכט: וואָס ווייס אַן אשה, וואָס זי רעדט. עס איז דאָך אַ בפירושער מאמר: דער וואָס גייט טאָן אַ מצווה וועט ניט גע־

שעדיקט ווערן. — און ער גייט זיך דאָך טובלען. קען דען זיין אַ גרעסערע מצווה ווי דאַווענען אין ריינקייט?

און ער איז אַוועק.

מיט אַלע כוחות האָט ער זיך דורכגעשלאָגן זיין וועג קיין קראָס, זיך געטובלט, זיך אונטערגעטונקען זיבן מאָל און זיך געלאָזט גיין אויף צוריק, ער זאָל ניט פאַרשפּעטיקן צום ערשטן מנין.

דער ווינט פייפט, רייסט אים ביי די פּאָלעס, דער שניי האַלט אין איין שיטן. — ס׳איז גוט וואָס ער ווייסט דעם וועג.

ער טראַכט: ער וועט קריגן שכר־הליכה, און פאַר אַזאַ הליכה וואָס פאַר אַ שכר איז עס אָנגעגרייט פאַר אים!

מיט די לעצטע כוחות, כמעט אָן אָטעם, איז ער אַריין אין בית־המדרש, זיך געשטעלט דאַווענען מיטן ערשטן מנין. געדאַווענט מיט התלהבות, דערגאַנגען ביז שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד, איז אַנידער־געפאַלן און אַוועקגעשטאָרבן. — ברוך דיין האמת...

9

פאַרשיידענע הקפות

מ׳קען נאָך, ביי היינטיקן טאָג, אין דער טרפנהער מדינה געפינען אַ שטיק אַלטע יידישקייט.

אין אַ געסל אין ווילִיאַמסבורג, ברוקלין, געפינט זיך אַ שולכל געמאַכט פון אַ וואוינונג (פון אַ פּאַרלאָר און בעיסמענט), וואו די אַלטע דאַוונערס דאַרטן ווערן גערופן מלאכים.

אַזאַ געשלאָסענער קיבוץ מיט אַזאַ בטלנישקייט איז אפילו שווער געווען צו טרעפן אין אַ פּאַנאַטישן שטעטל אין גאַליציע.

לאַנגע פאות מיט אַנגעוואַקסענע ווילד־בערד פון כל־המינים — און גראָד פון אַזעלכע יונגעלייט, וואָס זיינען געבוירן אין אַמעריקע. דאָס טאַנצן און שפּרינגען ביי די הקפות זיינען געווען אין־לשער. צוויי עלטערע יידן, מיט קוליעס, האָבן אויך בייגעשטייערט מיט זייער התלהבותדיקן מיטטאַנצן און מ׳קען ניט האָבן דאָס האַרץ אָפּ־צוחוזקן פון זיי אפילו אינם געדאַנק. מ׳האָט געזען ווי די הייליקייט שטראַלט פון זיי אַרויס.

אויך צוויי גרים (איינער אַ גלחס אַ זון און איינער אַ געוועזענער אינזשענער האָבן דאָרט געשיינט מיט זייער חסידישן טראַכט. אַחוץ בחורים פון דריי־פיר־און צוואַנציק יאָריקע ביז כמעט דריי־פיר יאָריקע קינדער. אַלע מיט פאות כמעט ביז צום גאַרטל.

איינער אַ קליין יידל (אויך אַן אַמעריקאַנער געבוירענער) מיט אַ בלאָנד אַנגעוואָרפן בערדל און לאַנגע פאותן, מיט אַ בעקעשע, אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל, איז געווען אַ פייער. זיין קולכל האָט

אַריבערגעשריִען אַלעמען, און ער האָט אַלעמאָל געגעבן דעם טאָן פאַר אַלע זינגערס.

טאָמער האָט זיך איינעם פאַרגלוסט אַריינצופאָרן מיט אַן אַנדערן ניגון, האָט ער פון אָנפאַנג מיטגעזונגען, אָבער אינצווישן האָט ער געגעבן אַ דריי אַריין זיין זמר מיט אַ פייערדיקן אימפעט אַז דער עולם האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און אים מיטהעלפן.

די טענץ זיינען גראָד ניט געווען אויסגעהאַלטן צום טאַקט פונ׳ם זינגען, נאָר איעדער האָט עס אויסגעדריקט מיט זיין אינערלעכער דבקות אויף זיין שטייגער.

אייניקע פון די בחורים (די אַמעריקאַנער מיט אַ גאַליציאַנער אויסזען) האָבן גראָד פּרובירט צו האַפּקענען לויטן נוסח פונ׳ם זמר, אָבער עס איז אַלץ אַרויסגעקומען דער חסידישער ברען — אַן דיס־ציפּלין. שוין אָפּגערעדט פונ׳ם קליינוואַרג, וועלכע האָבן אויסגע־דריקט זייער שמחה מיט שפּרינגען און אַריינפּלאָנטערן זיך צווישן די גרויסע.

איינער פון די גרים (דער געוועזענער אינזשענער) האָט געהאַלטן אַן אויג אויף די קליינע חברה און, ווי עס איז, זיי געהאַלטן אינ׳ם רעדל פון דער באַגייסטערטער כאַפּטע.

אַ יונגער צוואַנציק־יאָריקער בחור, וואָס האָט נאָך ניט זוכה געווען צו האָבן אַ בערדל, נאָר בלויז לאַנגע, גראָבע פּאות, האָט גע־זאָגט דעם אתה־הראת מיט חסידישן פייער. — דער עולם האָט עס נאָכמער פאַנאַנדערגעבלאָזן און עס האָט מרעיש־עולמות געווען!

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש וואָס דאָרט דאַרפן זיך ווייבער, אפילו צו די הקפות, ניט ווייזן.

און אין מיטן הייסן שטורעם האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט און געגאַנגען זען אַנדערע הקפות. — איך בין געקומען אין אַ שול וואָס האָט שוין אַ באַשטימטן נאָמען פון אַ יחיד, אַ רבין.

דאָרט איז עס שוין אַ ספּעציעל געבויטע שול, מיט אַ גאַלעריע פאַר ווייבער, כמעט די גאַנצע לענג פון צפון, דרום און מערב זייט פונם אינעווייניקסטן חלל.

דאָ האָט זיך שוין געפונען אַ געמישטער עולם: אַ טייל שטענדיקע דאַוונערס און אַ טייל צוגעפאָרענע פון אַלע עקן פון ברוקלין און פון נאָך ווייטער.

דאָ האָב איך אויך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען ווי מ׳פאַרקויפט די אַלע כיבודים: אתה־הראת, הוצאה־והכנסה, הגבה־וגלילה און נאָך און נאָך.

ווי עס זעט אויס האָבן די שטענדיקע דאַוונערס דאָ מאַנעווורירט אַז די צוגעקומענע געסט זאָלן איינער דעם אַנדערן אַריבעריאָגן מיט די פרייזן. — קיין צו גוטער אויסרופער איז גראָד ניט געווען, און איינמאָל האָט זיך געטראָפן ווען מ׳האָט שוין איין כיבוד געהאַט אויסגערופן „צום־דריטן־מאָל" פאַר 25 דאָלאַר, האָט זיך אַן אַנדער סוחר געיאָוועט מיט טאָפּל, דאַן האָט זיך דער ערשטער קונה אָפּגעזאָגט פון דער קניה און עס איבערגעגעבן צום בעסער באַצאָלטן קאָנקורענט.

אין אַלגעמיין האָט זיך עס, מיט דער הילף פון איינעם, אַ פאַרשוויצט יידל, וואָס איז געלאָפן פון איין קונה צום צווייטן און האָט אַריינגעגעבן חשק צום קויפן, אַלץ אויסגעגליכן — און מ׳האָט אָנגעפאַנגען די אָפּיציעלע הקפות:

איעדער וואָס האָט זיך געפונען אין שול (מיך אַריינגערעכנט) האָט באַקומען אַ הקפה. מ׳האָט קיינעם ניט אויסגעלאָזן. צוליב דעם האָט מען געמאַכט אפשר דריי־מאָל זיבן הקפות, טראָצדעם וואָס ספר־תורות פעלן דאָרט ניט. — דער רבי איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעם באַלעמער, זאָגנדיק די „פסוקים" פון יעדער הקפה, און דער עולם נאָך אים, ביז דער רבי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים באַלעמער מיטן פנים צום ארון קודש, און דאַן איז דער עולם פון די בעל־הקפותניקעס איבערגעגאַנגען צום טאַנץ אַרום אים.

אַ סך יונגע בחורים, שוין געגאָלטע, און עלטערע יידן האָבן אַרויסגעוויזן זייער עקסטאַז אינם טאַנץ און געזאַנג אַז ס׳איז ממש געווען שווער זיי אָפּצושטעלן, אַז מ׳זאָל קענען אָנפאַנגען אַ נייע הקפה. — קוים האָבן זיי זיך צעלאָזט אין אַ קאַראַהאָד איז שוין געווען

שווער זיי איינצוהאַלטן. פּאַטשערס און אונטערהאַלטערס האָבן אויך ניט אויסגעפּעלט, און דער עולם האָט זיך געפּילט שמחת־תורהדיק.

ווען איך האָב געפרעגט מיין נאָענטן באַקאַנטן פאַרוואָס דער רבי אַליין באַטייליקט זיך ניט אינ׳ם טאַנץ, האָט ער מיר געזאָגט אַז מן־הסתם איז זיך דער רבי מצער וואָס דער רוב עולם איז אַ פרעמדער און ער איז זיך משער אַז מ׳קומט צו פאָרן אום יום־טוב צוליב אים.

אַ פּאָר יאָר האָט ער געזוכט צו פאַרדרייען די צייט פון די הקפות, אַז דער עולם זאָל ווייניקער מחלל יום־טוב זיין צוליב אים, אָבער ס׳האָט ביז איצט ניט געהאָלפן. איצט האָט ער זיך שוין אונטערגעגעבן, אָבער עס טוט אים וויי דער ענין.

מען דערציילט, אַז וויפיל פדיונות דער רבי זאָל ניט אַריינקריגן פעלט אים אַלץ אויס צו זיין באַלעבאַטישקייט. ביי איינעם נעמט ער און דעם צווייטן גיט ער. ווען מ׳האָט אים אַמאָל, צוליב זיין געזונט, געגעבן אַ פּאָר טאָלער אַוועקצופאָרן אויף דאַטשע, האָט ער עס בעסער אַוועקגעגעבן אַ יידן וואָס דאַרף האָבן אויף דירה־געלט. — אַז מ׳האָט אים געקויפט אַ בילעט און אַלץ באַזאָרגט, האָט ער שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געפאָרן.

ווי איך האָב געהערט איז אויך פאַראַן אַ חברה־„חרדים", וועלכע זיינען אין דער קאַטעגאָריע פון צווישן די מלאכים און די חסידים, אָבער זייערע הקפות זיינען שוין געווען געענדיקט און איך האָב ניט געקענט באַוויזן זיי צו באַזוכן.

אָבער גייענדיק אַזוי אין גאַס האָב איך אָנגעטראָפן אַן אַנדער פּלאַץ וואו ס׳איז געווען גאָר ליכטיק און פריילעך, האָב איך זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און געזען אַ שולכל אַריינגעקוועטשט צווישן וואוינהייזער, וואו מ׳האָט געהאַלטן אין מיטן פייערדיקן אַרומטאַנצן מיט די תורות.

דאָ האָט דער רבי, אַליין אין פאָראויס, געפירט זיינע צאן־קדשים, אָן אַן אָפּשטעל, אומצייליקע מאָל מיט אַ געוואַלדיקן ברען, און איי־נער אַ דאַרער יונגערמאַנטשיק, מיט אַ שיטער בערדל, איז אים ממש נאָכגעלאָפן, און יעדעס מאָל אַרומדרייענדיק זיך אַרום דעם באַלעמער,

האָט זיך דער יונגערמאַנטשיק צעהיצט, און האַלטנדיק די תורה אין דער לופטן מיטביידע הענט ביי די עץ־החיימס, האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אַרום זיך, מעשה־טענצער, אַז ס׳איז באמת געווען אַ וואונדער! — מיט אַזאַ קונץ וואָלט אַזאַ ייִד געקענט אויסנעמען אַפּילו אויפן „סטעפּידזש" להבדיל. דער עולם הינטער אים האָט געמאַכט גענוג פּלאַץ ער זאָל זיין באַלעט־מייסטערשאַפט קענען באַווייזן.

איך האָב נאָך אויספּייעט צו גיין זען אַן אַנדערן רבינס הקפות, וואו ס׳איז שווער געווען צוצוקומען נאָענט אפילו צום פענצטער. — דאָרט איז דאָ אַ יונגערמאַנטשיק אַ רבי, וואָס האָט איבערגענומען זיין כסא־הרבנות פון זיין טאַטן, ז״ל, און זיין שולכל איז געווען געפּאַקט ווי אַ בינשטאָק. ביי 12 אַזייגער, נאָך האַלבער נאַכט, פאַנגט מען דאָרט ערשט אָן די הקפות און עס ציט זיך ביז אין טאָג אַריין.

יעדער רבי האָט זיך זיינע דרכים און די חסידים פאָלגן נאָך זיינע מנהגים.

ס׳איז אַזאַ מין דעמאָקראַטישער וועג צו דינען דעמזעלביקן גאָט, איעדער אויף זיין שטייגער.

10

כ׳האָב זיך געקויפט אַ פאַרם (ווירטשאַפט)

אייגנטלעך דערפאַרן אין די „ביזנעס" בין איך ניט, נאָר אַז ס׳איז אי גוט, אי פיין און אויך אָנשטענדיק צו האָבן פרנסה פון אַ פאַרם, דאָס פיל איך באַלד פונם ערשטן טאָג.

אַז די הינדלעך באַפאַלן מיך מיט זייערע אייגעלעך ווען איך קום אַריין אין זייער הינערשער מקום־מנוחה, און זעענדיק ווי אַלע אינאיינעם הויבן די קעפּלעך און פרעגן: „האָסטו עפּעס גוטס פאַר אונדזערע גרגרתן?" שטעל איך זיי באַלד מיינע פאָדערונגען: הינ־דעלעך, איר מוזט מיר באַצאָלן פאַר מיין טירחה!

יידן אין ניו־יאָרק און אין ברוקלין וואַרטן דאָרט אויף אייערע פרישע אייער, ס׳איז איצט קריגס־צייט, מ׳דאַרף האָבן כוח אַריבערצו־טראָגן די שלעכטע צייטן — נו, זעט עפּעס צו טאָן מכוח דעם.

ווען איר וועט זיין גוט און פרום, וועל איך אייך געבן פון אַלעם בעסטן.

באַלד גיב איך זיי אַ דאַרויף, און אַלע ווי איינע לויפן זיך צוזאַ־מען און זאָגן איינשטימיק, מיט זייערע שנאָבלען: גוט, בעל־הביתל, מיר וועלן טאָן אונדזער פליכט, און דו וואַרף נאָר צו די גוטע קערנד־לעך, וואָס זאָלן מחיה זיין אונדזערע גופימלעך.

מיר האָבן אַ גוטן שם פון דור־דורות, מיר דינען געטריי אונ־דזערע באַלעבטים, מיר סטרייקן ניט, מיר באַקלאָגן זיך ניט, ווען איר נעמט ביי אונדז צו די פרישע אייער פאַר אחיכם־בני־ישראל און מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייער יושר: אַז איר וועט אויך עפּעס איבער־

לאָזן לשם זה אַז אונדזער מין זאָל אינגאַנצן ניט אונטערגיין, חס ושלום.

מיר טוען און וועלן טאָן אונדזער פליכט לויט די כוחות וואָס דיינע גנעדיקע קערנדלעך וועלן אונדז געבן, — מיר שווערן, מיר שווערן!...

און איך טענה זיך אויס מיט זיי: קינדערלעך, הינדעלעך, איר דאַרפט זיך ניט שווערן, איך בין דאָ אַהער געקומען צו זיין אייער מליץ־יושר, איך האָב זיך ביז איצט געלעבט צווישן צוויי־פיסיקע שכנים, איינער איז זיך געגאַנגען אַהין און דער אַנדערער איז זיך געגאַנגען אַהער. יעדעסמאָל, ביי אַ באַגעגעניש האָט מען זיך גע־זאָגט: גוט מאָרגן, גוט יאָר — און דאָך האָט מען זיך געפילט ניט מיט אַלעמען. און איצט, אַז מיר האָבן געשלאָסן חברותא אין איינעם, ווייל איך האָפן, אַז מיר וועלן בלייבן גוטע־ברידער ביז, ביז — זאָל מיין מויל זיין צום גוטן — ביז בייזע מענטשן וועלן ניט קומען צו מיר און צוזאָגן אַלע גליקן פאַר „אייער" טובה ווענן.

איר זאָלט וויסן אַז איך בין אייער בעסטער פריינט — בהן שלי. איך מיין דאָ גאָרניט קיין בייז. לייגט נאָר גוטע, פרישע און גרויסע אייער, וועט אונדז אַלעמען זיין גוט.

און אַזוי האָבן זיי, אַלע אינאיינעם, גוטמוטיק זיך צוגעהערט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּלעך: אוי, אַזאַ בעל־הביתל האָבן מיר שוין לאַנג אַרומגעזוכט — עס איז אַ מחיה צו זיין אין דיין געזעל־שאַפט. מיר וועלן דיר דינען ביז גאָר, אָבער, דו, דערלאַנג די ריכטיקע סחורה. — אפשר האָסטו אַביסל וואַסער?

און איך, זעענדיק אַז זיי מיינען עס טאַקע ערנסט, האָב אָנגע־גאָסן אַ פּאָר שיסל וואַסער און געזאָגט צו זיי בזה הלשון: טרינקט לחיים, קינדערלעך, איך וועל זען אַז איר זאָלט ביי מיר האָבן צו עסן און צו טרינקען און זייט מיר געזונט און שטאַרק. ביים צווייטן מאָל וועל איך בודק זיין, אויב איר האָט מיך ניט גענאַרט, וועל איך אייך אויך ניט נאַרן.

גוט און פרום

גוד־ביי, גוד־ביי, אויפסווידערזען...

און אַזוי בין איך מיר אַוועקגעגאַנגען טאָן מיין פאַרמערשע אַר־בעט אין אַנדערע ווינקלען פונם פאַרם: דאָ אַ קער, דאָ אַ וויש, דאָ אַ פאַרזייען און אַוועקנעמען אַן איבעריקן שטיין, דאָ צוקלאַפּן אַ נאָגל אויף אַ לויזן פלאַץ און דאָ אויספלאַנירן אַ שטיקל באַקוועמלעכ־קייט פאַר מיינע נייע שכנים — און אויך אַביסל פאַר זיך, פאַרן אייגענעם גוף, ביז ס'איז אונטערגעקומען די צייט, ווען מ'דאַרף ווידער געבן אַ קוק וואָס עס טוט זיך מכוח אונדזער נייעם בונד.

בין איך אַריינגעקומען צו מיינע נייע שכנים און ווי איך האָב אַ זאָג געטאָן קו־קו־קו־קו, ד. ה. אויפן הינערשן לשון: וואָס הערט זיך עפּעס? וואָס מאַכט איר? — אַזוי האָבן זיי זיך אַלע אַרומגע־שטעלט אַרום מיר מיט די קעפּלעך פאַררייסן אויף אַרויף, באַטראַכ־טנדיק מיך דאָ מיט איין אייגל און דאָ מיטן צווייטן אייגל, מיט אַ געוויסן הינערשן שטאָלץ, ווי זיי וואָלטן זאָגן: נאַ זע וואָס מיר האָבן אין דער צווישנצייט אויפגעטאָן. מיר האָבן דערפילט אונדזער חוב און איצט טו דיינס.

אָפּצײלנדיק די פרישע בצים, וועלכע זיינען געווען אויסגעלייגט אויף זייער באַשטימטן אָרט, וואָס איז לויט דער לעצטער מאָדע איינגעריכט געוואָרן, און אויסחשבונענדיק די גאַנצע הינערשע־משפּחה, האָב איך זיך דערקונדיקט אַז אַלץ שטימט. — דער חשבון איז אַ חשבון־צדק.

אויב אַזוי דאַרף מען דאָך אַליין אויך ווייזן עפּעס מענטשלעכעס. ווער איך געוואָר, מיט וואָס מ'קען די חברה עפּעס מהנה זיין און האָב שוין אין זייער פּאַטראָנוע אַ הינערשן נאַש צוגעגעבן, — און זיי האָבן זיך געפילט באַפרידיקט.

מיר ריידן זיך צוזאַמען אויף אונדזער לשון גאַנץ געשמאַק. — עס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אונדז אַן אמתע פריינטשאַפט. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר ניט ערגער...

איך האָב דאָרט אויך אַ פּירפּיסיקע „גאָלדע״, וואָס איז מעלה־גרה אַ גאַנצן טאָג, עסט דעם פריש־שמעקנדיקן גראָז און באַקלאָגט זיך, חלילה, ניט אויף איר מערכה. זי נעמט אַלץ אָן באהבה און וואָרט, יעדעס מאָל, ווען די צייט קומט אַז מ׳זאָל פון איר נעמען דעם חלק וואָס איז פון קדמונים באַשטימט פאַר אירע מענטשלעכע שכנים.

פון מיין מילך, זאָגט זי, קענט איר מאַכן וואָס איר ווילט: פּוטער, קעז, מאַסלינקע און זויער־מילך און דערצו קענט איר אַזוי אויך טרינקען אַ פריש גלעזל מילך, אַז ס׳איז אַ מחיה. — און צו אַביסל קאַווע קען מיין מילך אויך צוניץ קומען.

טאָמער פיר איך זיך אַמאָל ניט אויף ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, טאָמער מאַכט זיך, ניט וויסנדיק אַ צופאַל מיט מיין... זאָלסטו וויסן זיין אַז דאָס איז אַ נויטיקע זאַך פאַר דיין באַלעבאַטישקייט: ווען דו וועסט באַשליסן עפּעס צו פאַרזייען וועט עס דיר צוניץ קומען. — איך בין אַ גוטע שכנטע. דיינע און לאָמיר לעבן בשלום.

איך, נאַטירלעך, האָב איינגעשטימט מיט אַלע אירע רייד און אַזוי איז עס געבליבן. — איר טענה איז געווען אַ גערעכטע און עס לוינט זיך צוצוהערן דערצו.

הלוואי וואָלטן אַלע מענטשלעכע טענות אַזוי גערעכט געווען.

אַ כלב האָבן מיר דאָרט אַ נישקשהדיקן. ער טשעפּעט ניט יענעם, ווען מ׳טשעפּעט אים ניט. ער איז צוגעבונדן צו אַן אָוועקגעלייגטן ליידיקן פעסל, אין וועלכן ער פרייט זיך. ער מאַכט זיך ניט זעענדיק אַ פרעמדן מענטשן, ער איז אַ לב־טוב, פון די היינטיקע, מישט זיך ניט, אין אַלגעמיין, אין יענעמס עסקים.

ער זאָגט, מן הסתם, אַז דו ביזט געקומען האָסטו דאָך עפּעס אַן עסק דאָ, וויל איך ניט שטערן. — וואָס וועל איך האָבן דערפון אַז ד׳עסט מיך רופן כלב? וואָס דאַרף איך אַז דו זאָלסט האָבן אַ שלעכטע מיינונג וועגן מיר? בעסער זאָל מען דענקען אַז כ׳בין אַ פיינער הונט.

ווי ס׳זעט אויס איז ער ניט קיין נאַרישער כלב. — אַ קלוגן פילאָזאָפישן באַנעם האָט ער.

עס זיינען דאָרט אויך פאַראַן אַ סך קליינע און נאָך קלענערע קאַנדידאַטלעך פאַר אייער לייגער. זיי פילן עפּעס ווי בחוש אַז איך בין זייער פריינט און לויפן מיר אַנטקעגן: אפשר האָסטו עפּעס אַ נאַש? זיי פילן זיך גליקלעך אין מיין געזעלשאַפט, זאָגן זיי, און זיי נאַרן זיך טאַקע ניט אָפּ.

עס איז אַ פאַרגעניגן צו זען ווען מ׳טיילט זיי איין, בחברותא, זייער מאכל, ווי זיי וויזן זייערע שטוקעס. איינער קולעמט זיך איבערן צווייטן; און מע וואַרפט זיך אַרויף אויפן עמער מיט אַזאַ, כלומרשט געמאַכטן, הונגער, ווי איינער רעדט: דו ביזט געקומען אין דער ריכ־טיקער צייט. טאָמער פאַרשפעטיקסטו, חלילה, געפינסטו אונדז אַלע־מען אויס חיות.

איך, זעענדיק אַז דאָס איז נאָר אַ שפיל אַזאַ, טראַכט זיך: זאָל זיין אַזוי, ניט קיין נאַרישע באַשעפענישן, זיי פאַרשטייען זיך ווי אומצוגיין מיט מענטשן — און שמייכל זיך אַביסל אונטער.

עס איז גאַנץ אנגענעם צו זיין אין אַזאַ לוסטיקער געזעלשאַפט, — ניט קיין מרה־שחורה׳ניקעס...

אויך אַן אָפּטיילונג פאַר הענער איז דאָ פאַראַן, אָבער זיי זיצן זיך אין אַ תפיסה איינגעשלאָסן, און האָבן אַ געלעגנהייט בלויז אַרויס־צוקוקן און זען, וואָס פאַר אַ שיין וועלטל מיר האָבן.

זיי האָבן גראָד אַ טענה, פאַר וואָס איז דאָס אויף זייער גורל אויסגעפאַלן צו זיצן אין געפענגעניש. — זיי האָבן אויך עפּעס אַ שליחות דורכצופירן אין זייער לעבן, טענה׳ן זיי. אָבער מן־הסתם האָבן זיי זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט און מ׳האָט זיי צוגעפּסק׳נט תפיסה.

מיר קענען דאָך ניט זאָגן אַז מיר ניט, דיר ניט, וועט מען

געמען אומשולדיקע קרייערס און זיי אַריינזעצן אין חד־גדיא! אָבער זיי האַלטן אין מאָגען און פרעגן: וואו איז צער בעל־י־חיים? וואו איז גערעכטיקייט? וואו איז יושר?

ענטפער איך אַז אין תפיסה האָט זיי אַריינגעזעצט דער פאַר־דעמדיקער בעל־הבית, און מיר ווען זיך וואַרשיינלעך איינגיכן איבערצייגן, אויב מ׳מעג, אין אַלגעמיין, אזעלכע חברה, ווי איר, אַרויסלאָזן אויף „פּראָבעשאָן״. איך וועל זען.

11

מיין צווייטער פאַרם

(געווידמעט מיין קאַזין מרדכי שנעק, וואָס קויפט פאַרמס פאַר זיין ברודער שיע)

איר ווילט וויסן וואָס עס האָט פאַסירט מיט מיין ערשטן פאַרם? אָט וועל איך אייך דערציילן:

מיין ערשטן פאַרם האָב איך אָנגעהאַלטן אַ צוויי יאָר, ס'איז געווען אַביסל צו שווער פאַר מיינע כוחות, כ'האָב זיך דערוואָרבן אַ יידישע קרענק, ר"ל, פון שלעפן די פעק מיט תבואה פאַר מיינע צוויי־פיסיקע־פריינט מיט זייערע שנאָבלען, — און זיי האָבן אַליין איינגעזען אַז ס'איז בעסער פאַר מיר צו באַזאָרגן זיך מיט אַ קלענערער חברותא.

הכלל איך האָב מיין ערשטן פאַרם פאַרקויפט צו צוויי ברידער, יידן, מיט אַ היזק פון צוויי טויזנט דאָלאַר און אַ חוץ דעם זיינען זיי מיר שולדיק געבליבן נאָך צוויי טויזנט דאָלאַר. ד. ה. איך האָב גע־קראָגן אַ קיימא־לן פון פיר טויזנט דאָלאַר ווייניקער ביים פאַרקויפן, ווי ס'האָט מיך אַליין געקאָסט. — און די נייע בעלי־הבתים האָבן עס שוין פאַרקויפט צו אַ פאַרפאָלק און זיי אַריינגעשריבן, אין דעם שטר־מכירה, דעם חוב צו מיר. איצט זוכן שוין די נייע באַזיצער, פונם פאַרם, אַנדערע קונים, — און מיינע צוויי טויזנט טאָלער וואַרטן אַז אַנדערע זאָלן זיך מתחייב זיין, אַז, ווען ס'וועט זיין כי־טוב, ד. ה. אַז דער פאַרם וועט זיך גוט מעלקן, דאָס מיינט אַז די הינדעלעך וועלן האַלטן פון פרו־ורבו, און ווען ס'וועט ווערן „פראָס־פעריטי", האָב איך נאָך אַ געלעגנהייט צו זען מיינע צוויי טויזנט

טאָלער. טאָמער, חלילה ניט, דאַרף איך אויפשרייבן צוויי פּייען און זאָגן ברוך־דיין האמת.

איצט ווילט איר דאָך וויסן וואָס עס הערט זיך מכוח מיין צווייטן פּאַרם, אַזוי וועל איך אייך דערציילן:

דער איצטיקער פּאַרם איז שוין אַ קלענערער ווי דער ערשטער, כ'האָב ניט אַזויפיל צווייפיסיקע פּרעסערס ווי בעפאַר, כמעט אַ דריטל אין צאָל, און בכלל איז דאָ אַסך ווייניקער פעלד. — אַרום און אַרום איז אויך זייער שטיל. ווייטער פון מיר ציט זיך שוין ניט מער, ניט קיין וועג און ניט קיין שטעג, ניט צום פאָרן און ניט צום גיין, — ס'איז עק וועלט.

עס איז גראָד דאָ אַ פּאַרם אין שכנות, וואָס געהער צו אַן אונ־גאַרישן גוי, וועלכער ציט זיין חיונה פון אמת'דיקן מעלקן פון זיינע תמ'עוואָטע קי — און פאַר דעם גיט ער זיי די פרייהייט, אין זומער, צו עסן פון אַלע בעסטע, פרישע גראָזן און ווינטער קריגן זיי פון'ם אויסגעטריקנטן היי לרוב, און אַביסל מים־חיים (גוטע קוואַל־וואַסער) — און ווי ס'זעט אויס באַקלאָגן זיי זיך ניט אויף זייער מערכה.

ווען מ'גייט זיי פאַרביי קוקן זיי אויף אייך מיט אַ פרייינטלעך־תמ'עוואָטן פּנים, זיי שאָקלען נאָר צו מיט די זנב'ס אַהין און אַהער, ווי אייגנער זאָגט: איר זייט ווילקאָמענע געסט, מיר לעבן דאָ בשלום מיט אייערע צווייפיסיקע ברידער — און הלוואי וואָלטן זיך אייערע „געגאָסן" ניט אַזוי באַנאַרישט, וואָלטן מיר געהאַט אַ שיין וועלטל. — דאַכט זיך: אַ טענה פון אַ בהמה, און דאָך ניט אַזוי נאַריש.

די גרעסערע חכמים, די היטלערס מיט די געבעלס, „ימ"ש, האָבן גאָר אַזוי קלוג ניט גערעדט.

הכלל מיר זאָלן זיך בעסער צוהערן צו דער בהמה'שער חכמה, וועלן מיר אפשר קליגער ווערן.

איצט, רבותי, וועגן מיינע אייגענע שכנים, די צווייפיסיקע־שנאָבלערס, איז אָט וואָס:

זיי זיינען ביי מיר איצט אויף דאַטשע, איך האָב זיי אַריינגענומען ווי קליינע יתומים'לעך און גיב זיי עסן און טרינקען — און אין

4—5 חדשים אַרום, ווען זיי וועלן, איה"ש, אויפוואַקסן און זיין מיט מענטשן גלייך, וועל איך זיי איבערגעבן אַן אַנדערן בעל־הבית, וואָס וועט מיר באַצאָלן פאַר מיין האָראַוואַניע און מיר צוזאָגן צו זיין אַ גוטער טאַטע צו מיינע קינדער, וועל איך זיי אים איבערגעבן. דער־ווייל גיב איך זיי אַזויפיל אַז זיי זאָלן ניט זיין זשעדנע פאַר דער אכילה. — איך גיב זיי נאָך מער ווי זיי קענען פאַרטראָגן.

אַ סימן האָב איך אַז יעדעס מאָל, ווען איך קום צו זיי מיט אַביסל פרישע פּאָרציע, זע איך נאָך אַלץ אַביסל שיריים פון פריער און זיי באַנעמען זיך ווי אַדעל־לייט. ווען אַפילו זיי עסן ניט מיט מעסער און גאָפּל פירן זיי זיך דאָך מעשה־אינטעליגענטן. — ניט ווי הונגעריקע חיות.

קיין שלעגערס צווישן זיי זיינען ניטאָ.

איך האָב זיי גראָד אַרומגעצוימט אין זייערע שטיבלעך, אָבער זיי פּראָטעסטירן ניט דאָקעגן. זיי ווייסן אַז דאָס איז פאַר זייער טובה וועגן.

ווען ניט דער שלעכטער וועג צוצופאָרן צו מיין איצטיקן מקום־מנוחה, וואָלט איך געקענט זאָגן, אַז ס'איז ניט אַזוי שלעכט. אָבער אַזוי ווי פון דרך־המלך איז עס אַביסל אַ פאַרדרייעניש, וואָס מ'קען אָנרופן יאָ־וועג און ניט־וועג, מ'קען זיך קוים דורכשאָרן מיט אַ מאַשין, אָבער נאָר ווען קיינער קומט דיר ניט אַנטקעגן, ווען חלילה יאָ, מוז איינער אַרויס מיט ניט קיין גאַנצע ביינער. — און ס'איז טאַקע אַ גליק וואָס קיין אַנדערע שכנים מיט מאַשינען (אַחוץ דעם אונגאַרישן גוי) זיינען דאָרט ניטאָ, אַזוי מאַכט זיך ניט קיין געלעגנהייט מיט ווערמען זיך צו צעבוטשקען, און אין בעסטן פאַל אַריינצוקריכן אין אַ גראָבן אַריין, וואו ס'איז שווער אָפּצודאַווענען אַ מנחה.

הכלל ס'איז נאָך אַ מזל־זאַך וואָס נאָר צוויי בעלי־הבתים'לעך האָבן אַ חזקה אויף דער שטשעשקע, און מען פאַרשפּאָרט צו קריגן אַ בחינם'דיקן מי־שברך פון אַ דורכפאָרנדיקן בעל־עגלה, אַזוי ווי דער שטייגער איז.

דער רבש"ע שיקט שוין צו די רפואה פאַר דער מכה.

מיין צווייטער פּאַרם

אין ווינטער איז ניט אַזוי פֿויגלדיק. — ווען דער פּעטער „שנייער" צעלייגט זיך אַזוי ווי ביי זיין טאַטן אין ווייגאַרטן, איז שווער צו זאָגן אַפילו וואו די זומערדיקע שטשעשקע האָט זיך דאָ אַמאָל געשלענגלט. אָבער אַזוי ווי מיין גויישער שכן דאַרף באַזאָרגן מילך פאַר קליינע קינדער, און אַזוי ווי דער שכן איז שוין דאָרט אַ תושב פון 25 יאָר, קען ער שוין אַלע צוויגלעך וואָס ציען זיך אין ביידע זייטן לענגאויס דעם דורכפאַר, און ער איז עס דער־ריעניקער וואָס צייכנט מיר אָן, מיט זיינע לאַסט־וואַגן־רעדער, דעם ריכטיקן וועג צו דער ערשטער ציוויליזאַציע — דעם הויפּט־וועג.

ווען ניט וואָלט געווען מי־יודע.

חוץ דעם איז אַלץ אין בעסטער אָרדנונג. — איך באַקלאָג זיך חלילה ניט אויף מיין דאַברי־מזל. איך ווייס אַז מיינע ברידער אין אייראָפּע וואָלטן זיך געוואונטשן צו האָבן כאָטש אַזאַ קליינעם פּאַרם, בדאי נעבן אַזאַ אונגאַרישן שכן, וואָס ווייסט נאָך ניט די תורה פון נאַציזם און וואָס שאַצט אָפּ אַזאַ שכן ווי איך, און העלפט גראָד אַרויס אין אַן עת־צרה; ער פאַרצאַמט דעם וועג פון זיין פּאַרם צו מיינעם מיט אַ שטעכיקן דראָט אַז זיינע בהמות זאָלן ניט פאַרקריכן אויף מיין נחלה, — און אַלץ צוזאַמען איז מיר גוט און וואויל.

אָבער יידן: אפשר ווייסט איר פון אַ קונה פאַר מיין צווייטן פּאַרם?

ניט־קשה, ס'איז אַ מציאה!

12

מיין ערשטער פיקניק אין אַמעריקע

אייגנטלעך וועלכער ייד וועט זיך דאָס דערלויבן איינפאַך אין אַ מיטן זומער צו האָבן אַ געוועגלעכן פיקניק? — דאָס איז עפּעס צו גוייש צו האָבן גאָר איבגאַנצן אַזאַ עולם־הזה׳דיקן פאַרגעניגן. אַ ייד מוז זיינע עולם־הזה׳דיקע זאַכן אויך פאַרבינדן מיט עפּעס אַ הייליקייט, ערשט דאַמאָלט גיט עס אים אַ באַרעכטיקונג צו האָבן אויך אַ „פּיקניק״, וואָס קלינגט אַביסל ניט יידישלעך.

נו אַזוי ווי איך געהער צו אַזאַ מין גרופּע וואָס רופט זיך: „יידיש־עטישע־געזעלשאַפט״, און נאָכדעם ווי ס׳איז באַשלאָסן גע־וואָרן אַז כל־דכפין־ייתי־ויכול, ד. ה. אַז דער וואָס האָט חשק קען זיך קומען און נעמען אַן אנטייל אין דעם פאַרגעניגן, בין איך אויך געוועזן צווישן זיי.

און ווי ס׳פירט זיך ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, האָט איינער פון אונדזער גרופּע גענומען אויף זיך דעם עול אָוועקצושיקן צו יעדן מיטגליד אַ קאַרטל מיט אָנווייזונגען ווי אַזוי צו פאָרן און ביז וואַנעט צו פאָרן.

קודם האָט מען באַדאַרפט פאָרן מיט דער באַן ביז צו אַ געוויסער סטאַנציע, נאָכדעם האָט מען באַדאַרפט נעמען אַן אָמניבוס און פאָרן ביז צו אַ געוויסן פּלאַץ וואו דער אָמניבוס שטעלט זיך אָפּ, און דאַן גיין לינקס פונ׳ם „פּול״ וואו דאָס פאַרבינדט זיך מיט אַ טייכל, און גיין גלייך מיט דעמזעלבן וועג ביז מ׳וועט אָנקומען צו אַ פּלאַץ וואו דער פון אונדזער גרופּע, וואָס וועט מקדים זיין, וועט אָקופּירן אַ פּאָר טישלעך פאַר אונדזערט וועגן. — און ווען אונדזער עדה וועט זיין צוזאַמען, וועלן מיר עס פאַרהייליקן מיט אַביסל רוחניות.

וואָס און ווען, ווי אַזוי מיר וועלן דאָרט פאַרברענגען, האָט מען אין פאָראויס ניט באַשטימט, דאָס האָט מען שוין איבערגעלאָזט צו יעדן איינעמס פאַנטאַזיע, מיט וואָס אונדזער פּיקניק וועט זיך פאַר־נעמען.

איך, למשל, האָב זיך געהאַט מיין אייגענע פאָרשטעלונג דאָרי־בער.

נאָר באַלד ביים ערשטן אָנקום מיטן אָמניבוס, איז מען אַריינ־געפאַלן אין אַ ספק. דער „לינקס" און „רעכטס" האָט אַביסל צע־טומלט. דער אָמניבוס, אַנשטאָט ער זאָל זיך אָפּשטעלן אַזוי ווי ער איז אָנגעקומען און אַרויסלאָזן דעם עולם, האָט ער זיך גאָר אויסגע־דרייט אויף צוריקפאָרן, איז געבליבן אַ קשיה: צי מיינט עס דער לינקס פון וואַנעט דער „באָס" איז אָנגעקומען אָדער מיינט עס לינקס פון וואַנעט ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. פאַר איינעם וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געפּיקניקט, און פאַר אַזאַ איינעם וואָס דאַרף פאָרן פון ברוקלין אַזש אין די בראָנקס, און מיט אַ שמיץ וויטער, אין אַ פּאַרק וואו איין דריי קען אייך פאַרפירן אין די הרי־חושך, איז עס אַ שווערע הילכתא. ער ווערט באַלד אַ פאַרלוירענער און ס'ווערט גאָר ביי אים אַ פראַגע: צי איז ניט גלייכער צ זוכן דעם וועג אַהיים.

איז מען אָבער פון דער פאַרלעגנהייט אַרויסגעקראָכן, ווייל דער שרייבער פון די „דירעקשאָנס" האָט דאָרט אָפּגעוואַרט ביים „באָס" און דערקלערט וואו איז רעכטס און וואו איז לינקס. — נאָכדעם האָבן שוין די פריער־אָנגעקומענע געוואַרט אויף די שפּעטערע און זיי דערקלערט אויפן זעלבן אופן, ביז מ'האָט שוין געהאַט אַ קליינעם עולם צוזאַמענגענומען.

אַ טישל צו אָקופּירן, ווי ס'איז פריער געווען אָפּגערעדט, איז שוין געווען צו שפּעט. אַנדערע פּיקניק־חברה האָבן זיך פריער מקדים געווען און פאַרכאַפּט אַלע טישלעך וואָס געפינען זיך דאָרט. איז נאָר געבליבן אַ פראַגע אויף וועלכן שטיקל גראָז עס וועט זיין באַקוועמער דאָס ביסל ביינער אָוועקצולייגן. — אַזוי האָט די ערשטע גרופּע באַשלאָסן צו מאַכן זייער לאַגער אויף איין פּלאַץ, לעבן

וואַסער, אונטער אַ בוים מיט אַ גרויסן שטיין דערביי, וואָס האָט אויסגעזען ווי יעקב־אבינו׳ס־שטיין, אויף וועלכן ער האָט זיך אַביסל צוגעלייגט אַ נאַכט בעפאָר ער איז געקומען קיין חרן צו לבנ׳ען.

מיר איז גראָד ניחא געווען דאָ אויך.

העלפט אָבער גאָט און אַ צווייטע גרופּע איז אונטערגעקומען און באַשליסן צו גיין זוכן אַ בעסערן פּלאַץ. מיר האָבן נאַטירלעך איינגע־שטימט, און געוואַרט אויף אַ גוטער בשורה...

עס איז אָבער פאַראיבער אַביסל צייט און די צווייטע גרופּע איז טאַקע צוגעקומען, אָבער אנשטאָט צו בלייבן מיט אונדז אָדער אָפּגעבן אַ גוטן באַריכט, איז מען געגאַנגען ווייטער אויף צוריק, און: והילד איננו — ניטאָ מער. די מרגלים זיינען ניט צוריקגעקומען.

די האָפנונג האָבן מיר גראָד ניט אויפגעגעבן און געוואַרט, מיט בטחון, אויף גוטע ידיעות.

מאַכט זיך אָבער אַז איך דאַרף גיין זוכן אַ פּלאַץ וואו אַלע יידן גייען, פּלוצים זע איך גאַר ווי די צווייטע גרופּע, די מרגלים, האָבן שוין געמאַכט זייער לאַגער ניט ווייט פונ׳ם פּלאַץ וואו מ׳קומט אָן, און ס׳האָט געהייסן אַז דאָ איז אַסך בעסער ווי דער פּלאַץ וואו די ער־שטע מחנה רוט.

זעענדיק אַזאַ מין לאַגע, אַז אָן אַ פאַרוואָס און פאַר־וועז האָט מען די ערשטע גרופּע גאַרניט געלאָזט וויסן, און מ׳מאַכט זיך שבת פאַר זיך, האָב איך פאַרשטאַנען אַז מ׳דאַרף פון דעם פּלאָנטער אַרויס־קריכן, און איך האָב באַשלאָסן מיטצונעמען מיט זיך איינעם (אייגנט־לעך איינע) פון דער נייער מחנה און צוזאַמען געגאַנגען אַלס געשיקטע „דעלעגאַציע״ פון דעם בעסערן לאַגער, איינצולאַדענען די ערשטע מחנה זיך צו פאַראייניקן.

הכלל ס׳איז אַדורך בשלום און ביידע מחנות האָבן געמאַכט אַ יד אחת — פון אָנפאַנג האָבן גראָד אייניקע רעוואָלטירט, אָבער ס׳האָט זיך באַלד אַלץ אויסגעגליכן.

איצט האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס ווייטער?

אַזוי ווי קיין באַשטימט פּראָגראַם איז ניט געווען אויסגעאַרבעט, האָט זיך עס פון זיך אַליין באַדאַרפט אַנטוויקלען וואָס ווייטער צו טאָן.

אייניקע געלונגענע וויצן האָבן גראָד געמאַכט די זאַך היימלעכער; אַביסעלע אכילה, וואָס אַ יעדער האָט געהאַט מיט זיך, האָט אויך צו־געגעבן קאָליר צו אונדזער צוזאַמענקום, אָבער ס'האָט נאָך אַלץ ניט אָנגענומען קיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער. ביז צוויי פון דער ער־שטער מחנה האָבן באַשלאָסן אַז ס'איז שוין אַביסל צו שפּעט. — צוויי „פּראָגנטן" פון אונדזער חדר זיינען נאָכדעם אויך אָנגעקומען און באַלד אַוועקגעגאַנגען, ווייל, ווי ס'האָט אויסגעזען וועט שוין אונדזער גייסטיקער פירער, אבא גאָרדין, וועלכן אַיעדער האָט דערוואַרט, מער ניט קומען — זיינען זיי אויך פאַרשוואונדן.

מיך האָט עס אָבער געצויגן צו זען וואָס דאָ וועט זיין.

הכלל נאָכן זיין אַ שטיקל צייט אויפן צווייטן אויסגעקלי־בענעם רו־פּלאַץ, איז ווידער באַשלאָסן געוואָרן צו זוכן אַ בע־סערן מקום־מנוחה — און ענדלעך האָט מען זיך געאייניקט אויף איין פּלאַץ.

עס ווילט זיך גראָד ניט זאָגן אַז דאָס איז געווען דאָס אידע־אַלסטע וואָס מ'קען קריגן אויף גאָטס וועלטל, נאָר אַזוי ווי ס'איז אחרי־רבים־להטות האָט יעדער זיך אונטערגעגעבן.

ווילט איר דאָך אודאי וויסן מיט וואָס דער גרויסער פּיקניק האָט זיך געענדיקט? האָט געדולד וועט איר עס באַלד הערן.

איינער פון אונדזער אַלטער גוואַרדיע האָט שוין געהאַט אָנגע־גרייט אַ שטיקל סורפּריז: אַזוי ווי מיר האָבן אונדזערע אייגענע „שריפטן" וואָס ניט אַיעדער מיטגליד האָט די צייט און געדולד אַלץ אין זיי צו לעזן, אַזוי האָט ער זיך גענומען די מי אונדז מיט אַ גייס־טיקן אינהאַלט מהנה צו זיין.

ער האָט אונדז פאָרגעלעזן איינע פון די בעסערע שאַפונגען, דהיינו וואו עס ווערט באַשריבן דער קאַמף וואָס דער שטן (ר"ל) פירט אָן קעגן כביכול. און ס'איז טאַקע געווען אַ גלענצנדיקע שטיקל אַרבעט — אי דאָס שרייבן, אי דאָס פאָרלייענען.

די סטראַטעגיע פונ׳ם שטן איז אַ ליסטיקע. אים געפעלט ניט דער סנה וואָס סימבאַליזירט מעשים־טובים און דער קוואַל פון ליב־שאַפט און אַחדות. מעשים־טובים האָבן ניט קיין בלומען, בלויז פרוכט. זיי פוצן זיך ניט, זיי פאַרבן זיך ניט, זיי פיינען זיך ניט אויס, זיי זיינען באַשיידן.

און דער שטן גראָבט אַ טיפן גרוב וואו ער לייגט אַריין אַלע טומאות, געמישט מיט לאָקעדיקע שטראַלן, און פאַרפלאַנצט דאָרט אַ וויינשטאָק אַז עס זאָל זיך צעוואַקסן און אויסזויגן דעם סנה ביז צום שורש. ער מאַכט וואַקסן דאָס גאַנצע רשעות, האָס, קנאה, שנאה, גאווה, באַרימעריי, הערשאַפט. — ער טוט זיין אַרבעט גאַנץ אויס־גערעכנט.

דעם שטן געפעלט ניט דער כי־טוב פונ׳ם כביכול, וואָס ער קלאַפט זיך אין בייכל מיט זיין באַשאַף. דער שטן ווייסט זיין מלאכה אויס־געצייכנט. ער פאַרנעמט זיך צו רואינירן גאָטס וועלטל און וויל אַריינברענגען אַ כאָאָס אין אַלעמען. דער שטן מיט זיינע שדים פילן זיך אין אַזאַ צושטאַנד מער ווי ביי זיך אין דער היים. — אַן אָרדנונג מיט גוטסקייט און רחמים איז ניט זייער סביבה. און זיי זוכן אַלץ צו צעשטערן און מאַכן אַ פאַרווירעניש, אַ צעטומלעניש.

עס איז אָבער געווענדעט אין אונדז מענטשן מיט וועמען מיר זאָלן האַלטן.

מיר האָבן אויסגעפונען דעם שטן׳ס וועגן, ווי אַזוי ער וויל אונדז אַריינכאַפן אין זיין נעץ, און מיר דאַרפן זיך באַמיען פון דעם נעץ זיך אויסצוהיטן. אפשר וועט עס אונדז זיך אַמאָל איינגעבן.

איצט, רבש״ע, זעסטו מיט וואָס יידן ענדיקן אַ פיקניק? — ניט מיט קיין געשלעג, ניט מיט קיין שנאַשקען.

דו האָסט זיך, חלילה, מיט אונדזערע יידעלעך ניט וואָס צו שעמען. — הלוואי ווייטער ניט ערגער...

בוך צוויי:

שפרוכן

א.

רחמנות

1. רחמנות איז איינע פון די גוטע, מענטשלעכע מידות.

2. אַז מען העלפט אַן אומבאַהאָלפן באַשעפעניש איז עס אַ מענטש־לעכער אַקט געווירצט מיט רחמנות.

3. ס'זיינען פאַראַן פאַרשידענע שטופן פון רחמנות.

4. פאַר אַ קליין, אומבאַהאָלפן, קינד שאַדט ניט אויסצודריקן רחמנות מיט אָפענע סענטימענטן.

5. פאַר אַ מער־וויניקער אַנטוויקלטן מענטשן קענסטו טאָן דעם גרעסטן רחמנות־אַקט מיט וויניקער אויסשרייערישע געפילן.

6. ניט איעדער רחמנות־אַקט קען זיין אַן אַנטוויקלטן מענטשן צום האַרצן.

7. מיט אַן איבערגעטריבענעם רחמנות־אַקט קען מען די בעסטע טאַט קאַליע מאַכן.

8. דער מענטש, מיט זיינע חושים, איז אַזוי קאָמפּליצירט אַז אַפילו צו רחמנות דאַרף מען צומישן שכל־הישר.

9. יעדן אומשטאַנד דאַרף מען באַטראַכטן און אויסגעפינען אויף וועלכן אופן צו האַנדלען מיט רחמנות.

10. פאַר דערזעלבער זאַך קענען צוויי מענטשן אויסדריקן זייער רחמנות אויף אַן אַנדערן אופן און ביידע זאָלן זיין טאַקטיש.

11. מען קען ניט אָנגעבן די גענויע מאָס פון געפיל פאַר רחמנות, נאָר איעדער יחיד באַשטימט עס אינסטינקטיוו פאַר זיך.

12. ווען מען איבערטרייבט רחמנות־אַקטן טוט מען אַמאָל מער שאָדן ווי גוטס.

13. ווען דו טוסט עפעס אַ גוטע זאַך דאַרפסטו ניט גראַד אַרויסשטופן דיין רחמנות־געפיל.

14. מען קען אַמאָל טאָן אַ רחמנות־אַקט אויף אַ גאַנץ בולט־היפּאָ־קריטישן אופן.

15. דער רחמנות־אַקט ווערט געשאַצט לויטן אופן ווי ער קומט צום אויסדרוק.

16. הינטער יענעמס אויגן מעגסטו זיך אַמאָל מער דערלויבן דיינע געפילן פון רחמנות אָפענער אויסצודריקן, — אין די אויגן דאַרף דער שכל באַשטימען דעם אופן פון דיין האַנדלונג.

17. אַסך מאָל דאַרף מען זיך שטאַרקן ניט אַרויסצואווייזן דעם רחמנות־געפיל.

18. אַמאָל קען מען מיט אַן אומטאַקטישן אויסדרוק פון רחמנות אָפּשוואַכן יענעמס האָפנונג אויף וועלכער עס איז ישועה.

19. אַפילו אַ רחמנות־געפיל דאַרף מען אַמאָל אין זיך דערשטיקן.

20. מעשים, אויף וועלכן ניט איז אופן, זיינען וויכטיקער ווי אַרויס־צוקרעכצן רחמנות.

21. אַ האָפנונגספולער שמייכל קען יענעם אַמאָל מער שטאַרקן ווי אַ ווערטערלעכער אויסדרוק פון רחמנות.

22. מיטפילן מיינט נאָך ניט אַז מע דאַרף דעם רחמנות אַרויסשרייען.

23. אַן איידעלער רחמנות־אַקט ווירקט אַלע מאָל בעסער ווי אַ היס־טערישער אויסגעשריי.

24. מיט רחמנות קען מען אַמאָל זיין אַ גרויסער אכזר.

25. פאַנאַטיקער האָבן רחמנות אויף יענעמס נשמה און קענען פֿיי־ניקן יענעמס גוף.

26. אַסך רחמנות־געפיל אָן גוטע מעשים איז אַזוי ווי אַ היפּשע דאָזע גייסטיקע־מעדיצין פאַר אַ פיזיש קראַנקן.

27. דעם הילפסלאָזן קענסטו נאָר מיט רחמנות'דיקע־מעשים העלפֿן, ניט בלויז מיט סימפּאַטיע.

28. יעדער מין קרבן וויל זיך בעסער נערן מיט האָפנונגען איידער מיט סתם רחמנות־טראָפּן.

29. ווען אַ קרבן זאַפּט זיך אָן מיט צופיל רחמנות־טראָפּנס, נעמט עס, אַמאָל, אַוועק פון אים די האָפנונג, אַליין זיך צו ווערן העלפֿן.

30. אַלע שרייערישע רחמנות־לערער האָבן אַ טבע צו ווערן קריגן באַצאָלט פאַר זייער תורה.

31. אַ קרבן פון אַ רחמנות־שרייער איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין.

32. איינער וואָס דערוואַרט צו קריגן באַצאָלט פאַר זיין רחמנות, האָט אַלעמאָל חובות ביי יענעם.

33. ס'איז אויך פאַראַן אַ מין בייזער־רחמנות: רחמנות אויף זיך און בייז אויף יענעם.

34. ס'זיינען פאַראַן מענטשן וואָס האָבן אַ גרויסן רחמנות־זאַפּאַס ביי זיך, אָבער אָן ענגע קעשענע פאַר ממשות'דיקער הילף.

35. אייניקע האָבן אַ שוואַכקייט צו דערוועקן רחמנות צו זיך ביי יעדער געלעגנהייט.

36. ווען מ'ווייסט אַז איינער איז אַ קרענקלעכער רחמנות־זוכער, מאַכט ער שוין ניט קיין איינדרוק.

37. ס'איז ניט גוט זיך אַליין צו פּיעשטשען מיט רחמנות, און ס'איז אויך ניט גוט צו טאָן עס פאַר אַנדערע.

38. אַפילו ווען דו טוסט אַן אַקט־פון־רחמנות דאַרפסטו עס באַהאַלטן אונטערן שלייער פון פליכט.

39. ווען דו באַגלייטסט אַלע דיינע גוטסקייטן מיט רחמנות־טראָפּנס שמעקט עס מיט אפטייק, און, אַמאָל, האָט עס דעם גערוך פון היפּאָקריטעריי.

40. דער רחמנות־אַקט דאַרף לייטערן די אייגענע נשמה, ניט דינען פאַר רעקלאַמע.

41. ס'איז טאַקע גוט יענעם צו ווייזן אַ ביישפּיל־פון־רחמנות, אָבער איבערטרייבן דאַרף מען ניט.

42. ווען דו ווייזט יענעם אַז דיין רחמנות־אַקט איז אַ מענטשלעכע־פליכט, ווערט פון דעם דער קרבן מער דערהויבן ווי דער־נידריקט.

43. ניט איעדער וויל זיך זען אַלס רחמנות־צענטער.

44. פאַר איעדן מענטשן (אויסער אַ גאַנץ הילפלאָזן) מאַכט זיך אַמאָל אַ געלעגנהייט, אויסצונוצן זיין רחמנות־געפיל פאַר נאָך אַ שוואַכערן פון אים.

45. אין געוויסע פאַלן ווערט גאָר דער שטאַרקערער דער יעניקער וואָס מ'דאַרף גאָר אויף אים רחמנות האָבן.

46. רחמנות איז אַ מענטשלעך אַרטיקל — ניט קיין חיה'שער.

47. אַזוי לאַנג ווי דער מענטש איז ניט אינגאַנצן אָפּגעטעמפּט, עק־זיסטירט אין אים אַ זאַפּאַס פון רחמנות צו עמיצן.

48. נאָר אַ פולשטענדיקע „חיה־אויף־צוויי־פיס" האָט אין זיך אויס־געלאָשן דעם לעצטן פונק פון רחמנות.

רחמנות

49. אַפּילו אויף אַ שונא קען מען האָבן אַביסל רחמנות, אין געוויסע פאַלן.

50. אויף איינעם וואָס לויערט אויף דיין לעבן קאָנסטו קיין רחמנות ניט האָבן.

51. אַפּילו חיות האָבן אַן אינסטינקטיוון סימפּאַטיע־געפיל צו זייער מין.

52. אַמאָל קען דיין רחמנות־געפיל יענעם גייסטיק שטאַרקן.

53. אַמאָל איז דיין רחמנות־האָבן מער דיין זעלישער אויסדרוק, ווי ממשות׳דיקע הילף פאַר יענעם.

54. יעדער דריקט זיך אויס זיין רחמנות־געפיל אויף זיין שטייגער.

55. אַ רחמנות מיט אַ גוטער כוונה איז ניט גענוג, מ׳דאַרף טאָן עפּעס ממשות׳דיקעס.

56. צום רחמנות־האָבן דאַרף מען אויך עפּעס טאָן.

57. בעסער ווייניקער קרעכצן מיט רחמנות און מער הילפס־מעשים באַווייזן.

58. ס׳זיינען פאַראַן רחמנות־מענטשן וואָס שטילן זייער געוויסן מיט סענטימענטאַלע ריידערייען, און אַנדערע, וויטער, קענען זיך שטילן זייער געוויסן בלויז מיט מעשים.

59. יעדער מענטש דאַרף אָפּשפּאָרן אַביסל רחמנות פון זיך און עס פאַרווענדן פאַר אַנדערע.

60. צופיל רחמנות האָבן אויף זיך טוט דיר ניט קיין גרויסע טובה.

61. אַסך מענטשן מיט ווייניק רחמנות אויף יענעם האָבן אַסך רחמנות אויף זיך.

62. ווען מ׳פאַרווענדעט אַביסל רחמנות פאַר אַנדערע פאַרגעסט מען זיך אַביסל אָן די אייגענע צרות.

63. אַ מענטש וואָס זעט נאָר זיך האָט ניט קיין חוש פאַר רחמנות.

64. אַ מענטש וואָס האָט אַלעמאָל נאָר זיך אין זינען, קוקט אויס קאַמיש ווען ער וויל וועקן ביי יענעם רחמנות.

65. אין לעבן מאַכט זיך אַמאָל אַז אַפילו אַ גרויסער אכזר וויל אויך דערוועקן רחמנות צו זיך.

66. בכדי רחמנות זאָל אַפעלירן דאַרף עס איינשטיין אין באַקאַנטע רחמנות'דיקע הענט.

67. ווען אַן אכזר ווערט רחמנות'דיק דאַרף מען אים קוקן צווישן די פינגער (צי עס איז ניט דאָרט עפּעס בייזעס פאַרשטעקט).

68. אַ רחמנות־מאַסקע קען אַמאָל יענעם פאַרבלענדן — אָבער ניט אויף לאַנג.

69. איינִיקע פאַרדעקן זייער האַרצלאָזיקייט מיט אַ רחמנות־מאַסקע.

70. אַנדערע פאַר'שיכור'ן זיך אַליין מיט רחמנות'דיקייטן און טוען אָפּ, פון שיכרות, אכזריות'דיקע טאַטן.

71. אַ קרענקלעכער רחמנות־זוכער (פאַר זיך) ווערט, מיט דער צייט, נמאס.

72. ווען איינער זוכט וואַרמקייט, מיינט עס נאָך ניט אַז ער זוכט רחמנות.

73. ווען איינער גערוואָרנט זיך צו צום געדאַנק אַז נאָר אויף אים דאַרף מען רחמנות האָבן, פאַרגעסט ער גאָר, אַז ס'זיינען דאָ אַנדערע, וואָס ער דאַרף גאָר אויף זיי רחמנות האָבן.

74. מ'קען אויסנוצן יענעמס רחמנות פאַר אייגענער אכזריות.

ב.

בטחון

1. בטחון איז זייער אַ גוטע מידה.

2. ווען איינער האָט בטחון איז אים לייכטער איבערצולעבן שווערע צייטן.

3. אָן בטחון זעט אַלץ אויס מרה־שחורה'דיק.

4. אָן בטחון קען מען צו קיין זאַך ניט שטרעבן.

5. ווען אין אַ יעדן מענטשן זאָל ניט זיין פֿאַרבאָרגן אַ שטיקל בטחון וואָלט איבערהויפט זיין שטרעבן קיין זין ניט געהאַט.

6. דער שטיקל באַהאַלטענער בטחון גיט דעם מענטשן מוט צו שטרעבן פֿאַר עפּעס.

7. בטחון האָט אין זיך זיינע שטופֿן:

8. איינער האָט בטחון אין זיינע אייגענע פעאיקייטן און שטרעבן, און דער אַנדערער האָט בטחון אין אַלגעמיינער מענטשלעכקייט.

9. מיט בטחון איז דאָס לעבן אינטערעסאַנט.

10. בטחון איז אין תוך אַ טיפע מענטשלעכקייט.

11. לגבי דעם באַדייט פון בטחון איז האָפנונג אַ וואָכעדיקער אויס־דרוק.

12. דער באַדייט פון בטחון האַלט אין זיך אַ סך יום־טוב'דיקעס, הייל־ליקעס, סענטימענטאַלעס און אידעאַלעס.

13. בטחון געהערט זיך אָן מיט אַן אײדעלען אַרט פילן, פאַר יענעם אַזױ גוט װי פאַר זיך.

14. מ׳קען האָבן בטחון אַז דאָס שלעכטס זאָל פאַרשװינדן, אָבער מ׳קען ניט האָבן קײן בטחון אױף זאַכן װאָס זײנען שלעכט.

15. דער באַגריף בטחון איז זײער אַ דעליקאַטער.

16. מ׳טאָר ניט האָבן קײן בטחון אין אײגענעם דערפאָלג אױפן חשבון פון אַנדערע.

17. אַ רשע׳ס האָפנונג האָט מיט בטחון גאָרניט װאָס צו טאָן.

18. דער אײדעלער מענטש מיט בטחון האָט שױן גובר געװען אַ סך שטאַרקערע, כלומר׳שטע, העלדן.

19. פאַר בטחון דאַרף מען האָבן גײסטיקע שטאַרקײט און אַ געװיסן גלױבן.

20. אַ גראָבער אָבערגלױבערישער בטחון נאַרט אַלעמאָל אָפּ.

21. אַן אײדעלער, שכל׳דיקער בטחון האָט אַ געזונטן פונדאַמענט אונטער זיך.

23. דערזעלבער אײדעלער בטחון נעמט דאָך אַרום אױך אַנדערע, װאָס באַזיצן דעמזעלביקן גײסט — און אַזױ אַרום װערט עס אַ שטאַרקע פעסטונג.

24. אַ בטחון געבױט אױף יענעמס שאָדן איז אַ פאַרבלענדעניש.

25. װען אַ מענטש דענקט אַז אַלע האָפנונגען זײנען פאַרלױרן, טליעט נאָך אַלץ אין אים אַ שטיקל בטחון.

26. אַ שטיקל בטחון אין אַ מענטשן נעמט אים אַװעק פון בײזע געדאַנקען און בלאָזט אין אים אַרײן אַ נײַע נשמה.

27. בטחון לײַטערט די נשמה.

28. אױפגעבן האָפנונג שטימט ניט מיט בטחון.

29. אַ מענטש מיט בטחון ווירקט אויף אַנדערע צום גוטן.

30. ווען מען פאַרלירט דעם בטחון אין דעם מענטשן מוז מען רע־זיגנירן.

31. ווען מען באַוואָסערט אַן אמת'ן גלויבן מיט בטחון — בליט עס.

32. ווען אַ זאַך איז נאָך ניט איגגאַנצן קיין פאַרפאַלענע זאָלסטו האָבן בטחון אַז עס וועט אַרויסקומען גוט.

33. אַ מענטש וואָס איז אין אַ בטחון־שטימונג ווערט ניט שנעל אין כעס.

34. אַ פאַרביטערטער מענטש האָט ניט די פעאיקייט פאַר אַ ביסל בטחון.

35. אַ בעל־בטחון קען ניט זיין קיין קטיגור.

36. אַ בעל־בטחון איז גוטה צו זיין אַ מלמד־זכות'ניק.

37. יאוש מאַכט דעם מענטשן שפל'דיק, בטחון הויבט דעם מענטשן.

38. מיט יאוש ווערט מען אַ פאַרלירער און מיט בטחון אַ געווינער אַפילו אין פאַרלוסט.

39. בטחון שאַפט ענערגיע.

40. בטחון מיינט : אַ האָפנונג פאַר אַלעמענס גוט.

41. אין בטחון איז טאַקע דאָ אַ שטיק גלויבן, אָבער אַן איידעלער גלויבן.

42. אַ בעל בטחון האָט אין זיך עפּעס העכערעס.

43. מ'קען זיין אַ צווייפלער בנוגע געוויסע געשעענישן און דאָך האָבן בטחון אין ענדגילטיקן אמת.

44. ווען מ'האַלט אָבער אַן אַ בטחון אין אַ שווין פאַרפאַלענער זאַך איז עס פשוט נאַרישקייט.

45. בטחון מיט פאַנאַטיזם זיינען ניט קיין פּאָר.

46. אַ פאַנאַטיקער איז גוטה צו קעמפן בלינד, אַ בעל־בטחון האָפט בלינד — אָבער אויף אַן עטישן אופן.

47. אַ פאַנאַטיקער וויל אויף יענעם אַרויפצווינגען זיינע איבערציי־גונגען און אַ בעל־בטחון האָפט אַז יענער וועט ווערן איבער־צייגט.

48. בטחון איז אין אַ געוויסן זין אַן אומשולדיקער פאַנאַטיזם.

49. אַ בעל־בטחון מיינט נאָך ניט אַ פול צופרידענער מיט זיך.

50. אַ בעל־בטחון האָפט אַלץ אויף בעסער און בעסער.

51. דער בעל־בטחון אין יעדער באַוועגונג איז נוצלעך.

52. צוויי בעלי־בטחון'ס בנוגע ענטקעגנגעזעצטע זאַכן קענען זיך נאָך אַלץ גיכער צוזאַמענקומען ווי צוויי פאַנאַטישע קעגנער.

53. אַן אמת'ער בעל־בטחון מאַכט אַוועק זיינע פערזענלעכע צרות.

54. אַן אמת'ער בעל־בטחון זעט אַלץ לטובה דעם כלל.

55. אַן אמת'ער בעל־בטחון מאַכט אַוועק מיט דער האַנד אַ פּאַראַי־בערגייענדיקע אומאנגענעמלעכקייט.

56. אַ בעל־בטחון טוט ניט קיין זאַך שרייענדיק — נאָר מיט'ן גאַנצן האַרצן.

57. די טומלדיקע גלויביקע זיינען ניט קיין בעלי־בטחון.

58. איינער וואָס איז זיכער מיט אַלץ ווערט אַלעמאָל אַנטוישט אָבער אַ בעל־בטחון ווערט ניט אַנטוישט, ווען אַפילו זיינע ערשטוויי־ליקע האָפנונגען ווערן ניט פאַרווירקלעכט.

59. פון אַ בעל־בטחון שפּרודלט אַרויס אַ קוואַל פון האָפנונגען.

60. ביי אַ בעל־בטחון שעפּן זיך די האָפנונגען קיינמאָל ניט אויס.

61. אַ בעל־בטחון געווינט, אַסך מאָל, סימפּאַטיע אפילו פון אַ קעגנער.

ב ט ח ו ן

62. אַ בעל־בטחון וועט אפילו אַ קעגנער ניט באַליידיקן.

63. אַ בעל־בטחון געפינט אויך, אַמאָל, אַ זכות אפילו פאַר אַ קעגנער.

64. אַ בעל־בטחון האָפט אַז דאָס שלעכטע וועט אָפּגעווישט ווערן און דער שלעכטער וועט בעסער ווערן.

65. בטחון האָט צו טאָן מיט רעליגיע.

66. מ׳קאָן ניט זיין אַ בעל־בטחון און ניט זיין רעליגיעז.

67. בטחון איז פאַרבונדן מיט כאַראַקטער.

68. אַ גוטער כאַראַקטער איז, אין אַ געוויסער מאָס, אַ בעל־בטחון.

69. ווען איינער האַנדלט גוט, אַפילו צו אַ צווייפלהאַפטן פּריינט, האָט ער אַ געוויסן בטחון אַז דערזעלביקער און אַנדערע וועלן זיך אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל דערפון.

70. אַן אמת׳ער בעל־בטחון שפּילט ניט קיין פּאָליטיק פאַר זיך, נאָר האָט אין זינען דעם כלל־רעזולטאַט.

71. דער אמת׳ער בעל־בטחון איז ניט אַ רודף־אחר־הכבוד.

72. אַן אמת׳ער בעל־בטחון איז, אין אַלגעמיין, פּשוט.

73. אַסך פּשוט׳ע מענטשן האָבן אין זיך אַ גרויסע מאָס בטחון.

74. אַן אמת׳ער בעל־בטחון זוכט זיך ניט אויסצופּיינען.

75. ווען ניט דער אומבאַוואוסטער בטחון אינם מענטשן וואָלטן אַ סך אַרונטער פונם גלייכן וועג.

76. פאַרלירט מען בטחון פאַרלירט מען, מייסטנס, אויך דעם שכל.

77. ווען איינער גיט אויף זיין בטחון איז ער פּשוט ניט דערוואַקסן צו אַזאַ הויכקייט.

78. צו האָבן בטחון מיינט אויך צו האָבן אַ לויטערקייט און אַ זיכערקייט אין גערעכטיקייט.

79. צו האָבן בטחון מיינט אויך אַליין צו זיין געלייטערט פון קליינ־לעכע פסולת׳ן.

80. מ׳קען ניט בויען אַ שטאַרקן בנין אויף די שוואַכקייטן פון אַנדערע.

81. בטחון אין אַ ברייטערן זינען נעמט דעם מענטשן אַוועק פון די קליינלעכע, טעגלעכע, דאגות.

82. אין אַ ניט נאָרמאַלן צושטאַנד קען מען ניט זיין קיין ריינער בעל־בטחון.

83. ס׳איז גוט צו האָבן בטחון אַז די מענטשהייט וועט זיך אויס־מענטשלען.

84. אַז מ׳האָט בטחון אויף דער מענטשהייט העלפט עס, אין אַ גע־וויסער מאָס, דאָס חיה׳שע ביי זיך און ביי יענעם צו פאַרטרייבן.

85. אַז מ׳הערט אויף צו האָבן בטחון אויף גוטסקייט מאַכט מען זיך אַליין ביטער.

86. בשעת מ׳קריגט אַ טובה פון יענעם דאַרף מען האָבן בטחון אויף אַליין צו טאָן יענעם טובות.

87. ווען מ׳האָט בטחון פילט מען זיך ניט דערשלאָגן, אַפילו אין אַ צייט ווען מ׳דאַרף אָנקומען צו יענעם.

88. בטחון שטאַרקט דעם לפי־שעה׳דיקן בעל־צרה.

89. אָן בטחון פאַרליירט דער נעמער אַזוי גוט ווי דער געבער די מענטשלעכע צורה.

90. אַ פינקטלעך אויסגערעכנטער חשבון שטימט אַמאָל ווייניקער ווי אמת׳ער בטחון.

91. בטחון איז ניט קיין שרייעריש־וואולגאַריש אַרטיקל, עס איז אַן אינערלעך־איידעלע האָפנונג אויף בעסערונג.

בטחון

92. אַזוי שנעל ווי מ׳נעמט דעם בטחון אַרויס פון זיין איבערלעכן קדשי־קדשים און מען שרייט אים אַרויס פאַרלירט ער אין זיך זיין הייליקייט.

93. בטחון איז אַ זאַך וואָס יענער דאַרף עס ביי זיך אַרויסלעזן, ניט פון זיינע אויגנגלאַנצנדיקע רייד.

94. בטחון האָבן יידן געשאַפן מיט זייערע מעשים און געדולד פון דור־דורות.

95. דעם וואָרט בטחון קען מען ניט ווערטערלעך קורץ איבערזעצן אויף אַן אַנדערער שפּראַך.

96. בטחון איז אין זיך כולל אַסך, אַסך גוטע אייגנשאַפטן.

97. ווען אַ מענטש איז באַשאַנקען מיט בטחון נעמט עס אים אַוועק די ביטערקייט צו דער וועלט.

98. פונ׳ם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט אַז מ׳האָט ניט קיין בטחון איז מען ניט פולקום רעליגיעז.

99. פונ׳ם מאָדערנעם שטאַנדפּונקט איז פשוט געזונט צו האָבן בטחון.

100. האָבנדיק בטחון קען מען אַמאָל עפּעס געווינען אין דער צוקונפט, פאַרלירנדיק דעם בטחון פאַרלירט מען באַלד אַפילו אין דער קעגנוואָרט.

101. ס׳איז אַ געבענטשטע זאַך צו האָבן בטחון.

102. אָן בטחון פעלט עפּעס אַ שטיקל שרייפל אינ׳ם מענטשן.

103. אַ פולער מענטש דאַרף האָבן בטחון.

104. אָן בטחון פילט מען זיך פאַרלוירן, מ׳זעט נאָר די שלעכטע זייט פונ׳ם מענטשן און געשעענישן.

ג.

מתן בסתר

1. דער בעסטער מתן־בסתר׳ניק קען זיין דער, וואָס האָט אַ באַנק־ביכל אויפן נאָמען פון דער הפטורה און קען געבן „טשעקס״ אַזוי אַז דער נעמער זאָל מיינען אַז ער קריגט וואָס עס קומט אים.

2. צדקה־בסתר איז אַ שיינע זאַך אָבער ניט אַזאַ לייכטע.

3. געבן יענעם אויף אַ באַשיידענעם וועג איז שוין האַלב כמעט ווי בסתר.

4. קוים ווייסט נאָר נאָך איינער, אַחוץ דיר, פון דיין „געבן״ איז עס שוין ניט קיין צדקה־בסתר.

5. צדקה־בסתר האָט אין זיך אַ געמיש פון פיינקייט און פראַק־טישקייט.

6. אַמאָל גיט מען צדקה־בסתר יענעם ניט צו דעמאָראַליזירן, און אַמאָל כדי זיך אַליין ניט צו דעמאָראַליזירן.

7. אַמאָל קען מען גראָד אַרויסשרייען אַ צדקה און האָבן אַ גוטן מיין בסתר.

8. יעדער מתן־בסתר׳ניק האָט זיך זיין אורזאַך און זיין כוונה דערביי.

9. אַמאָל איז נייטיק צו געבן בסתר און אַמאָל דווקא אָפן, כדי אַנ־דערע זאָלן נאָכפאָלגן דעם ביישפּיל.

10. ס׳זיינען פאַראַן אַנדערע מענטשן וואָס עס רעגט זיי אָן צו געבן, ערשט דעמאָלט, ווען זיי זעען אַז אַן אַנדערער גיט אויך, דאָ־

מאָלסט איז בעסער ניט צו געבן איינגאַנצן בסתר — נאָר בפרהסיא.

11. פאַר זיך אַליין גענומען איז דאָס געבן בסתר אַן אידעאַלער אַקט.

12. ווען מען גיט בסתר מיידט מען אויס דאַנקעניש.

13. דער געבער־בסתר דאַרף אויך זען אַז דער נעמער זאָל עס קריגן בסתר.

14. ווען דער נעמער קריגט אַ מתנה־בסתר מאַכט עס אים ניט ניד־ריק און ער פילט זיך פאַרפליכטעט צו אַלע מענטשן גלייך.

15. ווען מען קריגט אַ הלוואה־בסתר שטאַרקט עס די מאָראַל פונם נעמער.

16. דער יחיד און די געזעלשאַפט דאַרפן אַלעמאָל געפינען אַ פאָרם פון געבן בסתר — ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּריוואַטער געבערײַ.

17. ווען דער „געבער"־בסתר פילט ביי זיך ווי האָבן געטאָן אַ מצווה מיט זיין געבן, אַזוי קען אויך דער נעמער פילן אַז ער האָט יענעם געגעבן אַ מעגלעכקייט צו טאָן אַ מצווה.

18. אויך אַ נעמער דאַרף ניט ביי זיך פאַלן, צי ער קריגט עפּעס בסתר צי בגלוי, נאָר לעבן מיט דער האָפנונג אַן אַנדערן אויך אַמאָל צו קענען העלפן.

19. דער איינגעפונדעוועטער מנהג פון שיקן שלוח־מנות צו אָרימע פאַמיליעס האָט אין זיך געהאַט איניקע שטריכן פון מתן־בסתר.

20. אַזוי לאַנג ווי עס זיינען דאָ יונגע און אַלטע, שטאַרקע און שוואַכע, וועלן זיין געבערס און נעמערס אונטער יעדער געזעל־שאַפטלעכער אָרדנונג, ווי גוט איינגעשטעלט זי זאָל ניט זיין.

21. אַז מ׳קריגט אַ זאַך פון אימעצן ווי אַ מתנה איז עס ווי אַ בסתר׳דיקע־צדקה אויף אַן אײדעלן אופן.

22. שרייעדיקע־צדקה איז אַ מין רעקלאַמע פאַר זיך, בסתר׳דיקע־צדקה איז נשמה־באַפרידיקונג פאַר זיך.

23. צדקה איז אַ הייליקע פליכט און אין בסתר׳דיקייט ווערט עס מער געהייליקט.

24. אַ הייליקע זאַך, ווי צדקה, דאַרף מען ניט פאַרשוועכן מיט שרייערישקייט, נאָר האַלטן עס טייער און הייליק בסתר.

25. מיט דעם אויסרופן באַרימעריש וועגן אַ גוטער טאַט שוואַכט מען אָפּ די גוטסקייט, און מיט האַלטן עס בסתר שטאַרקט מען זיך פאַר ווייטערער, עדלערער, פילאַנטראָפּישער טעטיקייט.

26. אַזוי ווי דו האַלסט בסתר וואָס עס פאַלט דיר צו, עקאָנאָמיש, אויף דיין חלק, אַזוי דאַרפסטו האַלטן בסתר, ווען דו גיסט אַוועק יענעמס חלק.

27. ניט איעדער וואָס נויטיקט זיך וויל נעמען, אַנדערע שעמען זיך, דעריבער דאַרף מען געפינען אַ וועג ווי צו געבן פאַרשטעלט און בסתר, צו אַזעלכע אײדעלע פּערזאָנען.

28. ווען מ׳גיט עפּעס בסתר ווערט דער בעל־מקבל ניט אַזוי פאַרשעמט.

29. אַלע וואָלטן בעסער געוואָלט קענען געבן ווי נעמען, לכן, ווען אייער מזל איז אַ בעסערער, אַזוי העלפט אַנדערע — און די בעסטע הילף איז אַ בסתר־הילף.

30. אַסך נויטבאַדערפטיקע האַלטן זייער צרה בסתר, דעריבער דאַרף מען זיי געבן בסתר.

31. אַפילו אין געבן בסתר דאַרף מען יעדן יחיד אויף אַן אַנדערן אופן באַהאַנדלען.

32. ביי אַ געזעלשאַפטלעכער אַקציע טאָר מען ניט אינגאַנצן געבן בסתר.

33. ביי אָפענע צדקה האָט דער נעמער און דער געבער אַ גלייכן חלק דערין, אָבער ביי צדקה־בסתר האָט דער געבער אַ גרעסערן חלק.

34. צדקה־בסתר איז ניט קיין לייכטע זאַך אַפילו פאַר די וואָס ווילן עס באמת פּראַקטיצירן.

35. אָסך מאָל איז מען בשעת'ן געבן טאַקע אַ בסתר'ניק, אָבער מיט דער צייט פאַרראַט מען זיך אַליין. — ס'איז שוין אַ מענטשלעכע שוואַכקייט אַזאַ.

36. ביים געבן צדקה־בסתר דאַרף אַמאָל זיין באַהאַלטן דער געבער און אַמאָל דער נעמער, — און אַמאָלביידע צוזאַמען.

37. ווען ס'זאָל זיין אַן אַנגענומענער מנהג צו געבן מתנות, וואָלט אַ נויט־באַדערפטיקער ניט געוואָרן באַליידיקט פונ'ם נעמען, הגם ער וואָלט ניט קענען צוריקגעבן.

38. צו ווייזן יענעם אַ גוטן ביישפּיל מוז מען אַפילו אַן אַקט פון צדקה־בסתר אַביסל אויפדעקן.

39. אפילו אַ צדקה־בסתר'ניק גיט נאָר אַוועק אַביסל פון זיין איבער־פלוס.

40. ווען איינער נעמט פון זיך אַוועק דאָס נויטיקע און גיט עס יע־נעם, דער איז שוין אַ בעל־מדרגה — אַפילו ווען ער גיט עס אָפן.

41. אַ צדקה־בסתר'ניק מאַכט מיט זיך אַ בסתר'דיקן חשבון וואָס ער האָט עפּעס איבעריקעס פאַר זיך.

42. אָסך מאָל איז איינעם לייכטער צו זיין אַ געבער ווי דעם אַנ־דערן צו זיין אַ נעמער.

43. דער בעל־נותן, צי בסתר צי בגלוי, דאַרף זיך ניט פילן גרויס מיט זיין טאַט און דער בעל־מקבל דאַרף זיך ניט פילן דער־שלאָגן, ווען ער דאַרף אָנקומען צו יענעם.

44. אונטער אַלע עקאָנאָמישע אומשטענדן וועט אַלץ עקזיסטירן אַ געוויסע פאָרם פון אומגלייכהייט צווישן מענטשן — און די פליכט צו העלפן איידלט אויס די געזעלשאַפט.

45. אונטער געוויסע אומשטענדן קען אַ שוואַכער העלפן אַ שוואַ־כערן.

46. ס'זיינען דאָ אויך מתן־בסתר'ניקעס וואָס גיבן צוליב געוויסע, אָדער צו געוויסע מענטשן בסתר.

47. הלוואי וואָלטן מיר טאָן אונדזערע גוטע טאַטן אַזוי בסתר'דיק, ווי מיר טוען שלעכטע זאַכן.

48. אַ מתן־בסתר'ניק גייט זיך אויך דורך זיינע גלגולים אינ'ם לעבן, ביז ער געפינט זיך זיין וועג.

49. צדקה־בסתר איז אַ געוויסער קולט אונטער געוויסע אומשטענדן.

50. ווען די אומשטענדן ענדערן זיך ווערט פון אַ מתן־בסתר'ניק אַן אָפּענער־געבער.

51. די יעניקע וואָס פלעגן אַמאָל זיין געבערס (צי בגלוי צי בסתר) זיינען ניט קיין לייכטע קונדן ווען זיי דאַרפן, חלילה, ווערן נעמערס.

52. אַ בעל־גאוה קען ניט זיין קיין מתן־בסתר'ניק.

53. אַן עניו איז גיכער נוטה צו זיין אַ מתן־בסתר'ניק.

54. מ'קען ניט מעסטן ווער ס'שטייט מאָראַליש העכער, צי אַן אָפּע־נער געבער צי אַ צדקה־בסתר'ניק.

55. די אומשטענדן באַשטימען די מאָראַלישקייט פון דעם אָפּענעם געבער און פון דעם מתן־בסתר'ניק.

56. מ׳דאַרף אויף זיך אַרבעטן אַז אַפילו צדקה (צי בסתר צי בגלוי) זאָל ניט זיין דעמאָראַליזירנדיק — ניט פאַר זיך און ניט פאַר יענעם.

57. פשוט אָפּטאָן אַ צדקה־בסתר׳דיקע מצוה און דערמיט יוצא זיין איז ניט גענוג.

58. מ׳דאַרף יענעם אַזוי ווייט מיטהעלפן בסתר, ביז יענער זאָל זיך אַליין און אויך אַנדערע קענען העלפן.

59. צדקה־בסתר קען מען אָנווענדן צו גאָר פאַרלוירענע און אויך צו האָפנונגסלאָזע.

60. די לעגענדע פון אליהו־הנביא׳ס העלפן אָרימעלייט האָט געהאַט דעם צוועק צו שטיצן אַזוינע מענטשן וואָס ווילן ניט קיין מתנת־בשר־ודם.

61. די אליהו־הנביא־לעגענדע האָט געהאָלפן אַסך מענטשן צו געבן בסתר, זיך פאַרשטעלנדיק פאַר אַן אליהו־הנביא.

62. צו נעמען ביי יענעם שטיצע, צי בסתר, צי בגלוי, איז גוט מיט׳ן באַוואוסטזיין : אַנדערע אַמאָל צו העלפן ווען דאָס רעדל וועט זיך איבערדרייען.

63. ווען איינער ווערט אויפגעריכט, זאָל ער זיך דערמאָנען ווער ס׳האָט אים געהאָלפן צי בסתר צי בגלוי.

64. אַ בסתר׳דיקע צדקה פאַרדינט איר נאָמען ווען דער בעל־מקבל פילט זיך ניט אין אַ פאַרלעגנהייט.

65. ווען דו העלפסט יענעם דאַרפסט דו יענעם מאַכן פילן אַזוי ווי דו וואָלסט גאָר באַצאָלט אַ חוב, ניט קיין נדבה.

66. אייגנטלעך ווען איינער קען עפּעס איבריקעס אָוועקגעבן איז עס שוין, אין גרונטגענומען, ניט זיינס.

67. ווען איינער האָט מער וויפל ער דאַרף פאַרן נייטיקן געברויך (מעג עס זיין אַפילו דורך געוויסע פעאיקייטן) מיינט עס נאָך ניט, אַז ער מעג עס האַלטן אינגאַנצן פאַר זיך בסתר.

68. מ׳דאַרף ניט אַרויסשרייען אַלע גרויסע אויפטואונגען, אָבער מ׳דאַרף אויך ניט אַלץ האַלטן פאַר זיך בסתר.

69. האַלט דיך ניט גרויס ווען דו גיסט צדקה, — זאָל דיין גרויס־האַלטעריי זיין בסתר.

70. אַ מתן־בסתר׳ניק דאַרף אַמאָל אַוועק׳גנב׳ענען פון זיך און געבן יענעם.

71. אַ מתן־בסתר׳ניק דרייט זיך אַרויס פון זיין אַ מקבל פון יישר־כח׳ס.

72. אַ מתן־בסתר׳ניק דאַרף אויך פירן אַ שטיקל חשבון, כדי אַליין ניט צו דאַרפן דערנאָך ווערן אַ נעמער־בסתר.

73. אַ נעמער־בסתר איז ביי אַנדערע, ניט סענסיטיווע מענטשן, דער שלים־מזל.

74. אַ מתן־בסתר׳ניק, אייגנטלעך, באַהאַלט זיין איבערפלוס ביי יענעם וואָס דאַרף עס און קען עס נוצן.

75. פון געבן צדקה־בסתר האָט מען גרויס פאַרגעניגן.

76. ווען מ׳גיט צדקה־בסתר דאַרף מען אָבער זען אַז ס׳זאָל ניט אַריינפאַלן אין שלעכטע הענט.

77. אַ מתן־בסתר־ניק וויל גראָד זען, דעם דערפאָלג פון זיין טאַט, ניט בסתר.

78. אויך אַזעלכע וואָס זיינען אַליין „נעמערס" קענען אינדערזעלבער צייט שטיין אויף אַ גאַנץ הויכער מאָראַלישער שטופע פון „געבערס" — ווען אפילו ניט בסתר.

79. ווען איינער דאַרף יענעמס הילף איז עס גאַנץ מאָראַליש עס צו בעטן — נאָך גיכער ווי צו זיין אַ נעמער־בסתר.

80. ס'איז טאַקע פיין צו האַלטן אָרעמקייט בסתר, אָבער אַסך מאָל איז עס שעדלעך.

81. ביז משיח וועט קומען דאַרפן מיר נאָך אַלץ האָבן מענטשן וואָס טוען מצוות־בסתר — און טאַקע אויך מענטשן וואָס פאַרגינען ניט יענעם קיין מצוות, נאָר פאַרלאַנגען, וואָס עס קומט זיי.

82. מיט אַ גוט מיינענדיקער עצה־בסתר קען מען אַמאָל אויפטאָן אַזוי פיל ווי מיט צדקה.

83. אַ צדקה־בסתר'ניק ווייל בסתר זיין גערעכט צו זיך אַליין.

84. ווען אַ צדקה־בסתר'ניק פאַרבענקט זיך נאָך אַביסל כבוד מוז ער ווערן אַ שטיקל גלוי.

85. אַ צדקה־בסתר'ניק דאַרף טאַקע האַנדלען מיט טאַקט, אָבער ניט ווייניקער דאַרף עס באַזיצן אַן אָפענער בעל־צדקה — אפילו ווען ער באַקומט אַביסל כבוד דערפאַר.

86. אַ צדקה־בסתר'ניק האָט זיך טאַקע זיינע גוטע מעלות אָבער מ'דאַרף עס אויך אָפּשאַצן ביי אַן אָפענעם בעל־צדקה.

87. אַ מתן־בסתר'ניק קען זיך באַראָטן נאָר מיט זיך אַליין .

88. ווען אַ מתן־בסתר'ניק האָט עפּעס אַ שטיקל חשד איז בעסער צו באַראָטן זיך מיט אַ גוטן פריינט.

89. ווען אַ מתן־בסתר'ניק דאַרף שוין אָנקומען צו אַן עצה, זאָל ער אַ שלעכטע עצה בעסער ניט אויספאָלגן.

90. ווען דיינע עצה־געבער ווילן עפּעס פאַר דיר אָפּדינגען, איז בע־סער: פאָלג דיך אַליין — גיב אַביסל מער בסתר.

91. אַ פאַראינטערעסירטער צד איז נאָך אַמאָל חושד אפילו אַ מתן־בסתר'ניק אין אַ שלעכטער כוונה.

32. ווען דאָס געבן און נעמען (צי בסתר צי בגלוי) איז מיט אַ מאַ־ראַלישן פּועל־יוצא געקרוינט, איז דאָס שווין דער דאַנק פאַר דער טאַט.

93. אַ מתן־בסתר'ניק גלויבט אפילו אין יענעם, און אַ גאַרניט־געבער גלויבט אַפילו זיך אַליין ניט.

94. אַ מתן־בסתר'ניק שטעלט עפּעס איין און קען עפּעס דערוואַרטן, אָבער אַ גאַרניט־געבער האָט גאָר קיין רעכט ניט עפּעס צו מאַ־נען אָדער צו דערוואַרטן.

95. אַ מתן־בסתר'ניק ווערט אַמאָל אַליין אַ קרבן פון זיין טאַט, אָבער זיין מאָראַלישע טאַט דאַרף אין אים ניט דערוועקן קיינמאָל קיין חרטה.

ד.

סוד

1. די וועלט איז פול מיט סודות.

2. איעדער מענטש מוז זיך האבן זיינע סודות.

3. א מענטש מיט שכל דארף וועגן און מעסטן זיינע סודות.

4. א זאך קען אמאל זיין א סוד פאר איינעם און אן אפענער פאקט פאר אן אנדערן.

5. אמאל האלט מען א סוד פאר אייגענער טובה וועגן, און אמאל פאר יענעמס טובה וועגן.

6. צי מ'וויל צי מ'וויל ניט מוז מען אמאל זאכן האלטן בסוד.

7. פאר א פריינט וויל מען דאך אינגאנצן קיין שלעכטס ניט ארויסזאגן, און פאר א פיינט וויל מען דאך זאכן פארהוילן — אזוי האלט מען ביי זיך דעם סוד.

8. געוויסע זאכן זאגט מען אמאל האלב אפן — און דאס איבריקע האלט מען בסוד.

9. דערווייל איז נאך דער מענטש ניט קיין אפענער בוך — און ער איז א סוד .

10. ווען א קינד וויל עלטערן ניט ווי טאן האלט עס די פערזענלעכע צרות אביסל בסוד, און אזוי אויך פארקערט: עלטערן בנוגע קינדער.

11. יעדן יחיד'ס לאָגע שאַפט זיך אויף זיין אייגענעם וועג און מיט דעם שאַפן זיך אייגענע סודות.

12. אַמאָל האַלט מען אַ סוד בייזווילליק און אַמאָל פאַר יענעמ'ס טובה וועגן.

13. האַלט מען אַ סוד צוליב מאָראַלישע מאָטיוון האָט עס זיין באַ־רעכטיקונג, האַלט מען עס צוליב שלעכטע מאָטיוון פאַרלירט עס די באַדייטונג פון סוד: ס'ווערט שוין אַ פאַרשווערונג.

14. אַמאָל האַלט מען אַ סוד נאָר צוליב אייגענער טובה וועגן און אַמאָל אויך צוליב יענעמס טובה וועגן.

15. אַזוי ווי יענעם קען אַמאָל אַ גוטע כוונה זיין פאַרדעכטיק, אַזוי האַלט אַביסל זאַכן בסוד.

16. מ'קען אַ מענטשן אורטיילן צום שלעכטן צוליב דעם וואָס ער האַלט געוויסע זאַכן בסוד.

17. איין זאַך קען מען זאָגן אַ פריינט אָפן און אַן אַנדערע האַלט מען בסוד.

18. אַמאָל קענען זאַכן זיין אָפן פאַר אַלעמען און בלויז פאַר איינעם דאַרף עס זיין אַ סוד.

19. אַפילו זאַכן, וואָס מ'וויל האַלטן בסוד, פילט מען עס געוויסע פריינט צו דערציילן.

20. נאָר אַ פולשטענדיקער שוטה ווייסט ניט פון קיין סודות.

21. איינער קען אייך זיין דער בעסטער פריינט אָבער געוויסע זאַכן האַלט איר פון אים בסוד.

22. אַזוי ווי ניט אַלעמאָל קען מען פערזענלעכע מאָטיוון אָנגעבן, אַזוי האַלט זאַכן בסוד.

23. אין דעם ענין סוד זינדיקט איעדער, צי מ'וויל צי מ'וויל נישט.

24. עס איז נאָר אַ פראַגע מיט וואָס פאַר אַ כוונה מ'האַלט זיך מיט אַ סוד.

25. אַ סוד מיט אַ גוטער כוונה איז מענטשלעך.

26. אַמאָל קען מען אַפילו אַ שלעכטן סוד איבערגעבן מיט אַ גוטער כוונה.

27. אַ סוד איז אַזוי ווי אַ שטיק צירונג: פאַר איינעם וויל מען עס ווייזן און פאַר דעם אַנדערן באַהאַלט מען עס.

28. ס'איז נאַריש צו וועלן וויסן יענעמס פריוואַטע סודות.

29. ווען איינער וויל אַ פריוואַטע זאַך האַלטן בסוד, זיי נישט נייגיריק מכוח דעם.

30. אַזוי ווי דאָס גאַנצע לעבן איז אַ סוד דאַרף מען אַ סוד האַלטן.

31. ס'איז נאָר נישט פּאַסיק צו האַלטן סודות אויף יענעמס חשבון.

32. אויפן אייגענעם חשבון מעג מען זיך פאַרגינען סודות.

33. אויסזאָגן אַ פאַרטרויטן סוד איז אַ פאַרברעכן.

34. אַזוי ווי עס איז נאַריש צו זיין אינגאַנצן אָפן אַזוי איז עס אויך נאַריש צו זיין אינגאַנצן סודותדיק.

35. מ'דאַרף וויסן אויסצוזאָגן אַן אייגענעם, אַ סוד אין דער ריכ־טיקער צייט.

36. אַ באַרימער קען נישט האַלטן קיין סוד.

37. ווען דו דאַרפסט עפּעס פון יענעם איז נישט אַלעמאָל בעסער צו מאַכן פון דעם אַ סוד.

38. אַ סך מאָל איז צופיל סודות'דיקייט אומגעזונט.

39. אַסך מאָל זאָגט דיין פּנים אויס אַז דו האַלסט עפּעס בסוד.

40. די ניט אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען בלייבן ביי זיך אַלס אַ סוד.

41. צי יענער מיינט ערנסט מיט דיר צי ניט בלייבט אַמאָל אויף שטענדיק אַ סוד.

42. אַ ניט דערפאַרן קינד קען ניט האַלטן קיין סוד.

43. איבונג לערנט אַ מענטשן צו האַלטן אַ סוד.

44. געוויסע זאַכן האַלט מען פאַר אַ באַעקאַנטן אָפן און פאַר אַ פרעמדן בסוד

45. אַ זאַך וואָס קען אַ באַעקאַנטן וויי טאָן, האַלט מען בסוד.

46. ניט אַלעמאָל העלפט דאָס איינהיטן אַ סוד.

47. אַ זאַך וואָס קען דיר היינט נוצן צו האַלטן בסוד, קען דיר מאָרגן שאַדן צו האַלטן בסוד

48. ווייסט עס נאָך איינער, אַ חוץ דיר, ביסטו שוין ניט זיכער מיט דיין סוד.

49. אַמאָל זאָגט מען יענעם, כלומרש, אַ סוד, מיט דער כוונה עס אַריבערצושיקן צו אַ דריטן.

50. אַמאָל איז מען מאָראַליש פאַרפליכטעט אויפצודעקן אַ סוד.

51. ווען ס'איז ניט נוגע דירעקט דיך, זיי ניט נייגעריק פאַר יענעמס סוד.

52. זיי אמת'דיק אַפילו ווען דו מוזט האַלטן אַ סוד.

53. סודות'דיקע פאַלשקייטן טוען דיר אַליין ניט קיין גוטס.

54. דער וואָס הילט זיך אַרום מיט סודות, כדי יענעם אָפּצונאַרן, ווערט, מיט דער צייט, אויפגעדעקט.

55. ווען ס'גייט ניט אום פּיקוח־נפש, קען מען אויסמיידן שקר און דאַך האַלטן אַ זאַך בסוד.

56. אַפילו אַ סוד דאַרף האָבן אַ מאָראַלישע באַרעכטיקונג.

57. אַ פרוי האַלט אירע יאָרן בסוד.

58. יעדערער האַלט זיינע שוואַכקייטן בסוד.

59. דאָס לעבן איז איינגעהילט אין סוד.

60. ווען מיר דענקען אַז מיר ווייסן שוין עפּעס, לאָזט זיך אויס אַז ס'איז גאָר אַ סוד, אַ געהיימעניש.

61. יעדער פאַכמאַן האַלט זיין ניט וויסן בסוד.

62. אפילו דער באַשיידנסטער מענטש האַלט, אַמאָל, זיין אומוויסנ־הייט בסוד.

63. יעדער יחיד האַלט זיך זיינע פּריוואַטע צרות אַביסל בסוד.

64. יעדע געזעלשאַפט האָט זיך אירע סודות.

65. יעדע רעליגיע האָט זיך, אויך, אירע סודות.

66. יעדער סוד האָט זיך זיין אורזאַך פאַר געוויסע מענטשן און אומשטענדן.

67. אַ דערפאָלג אָדער דורכפאַל האָט זיך זיינע פאַרוויקלטע סודות.

68. דיזעלבע זאַך, אונטער דיזעלבע אומשטענדן, וואָס איז גוט צו האַלטן בסוד פאַר איינעם, איז גאָרניט גוט צו האַלטן עס בסוד פאַר אַן אַנדערן.

69. אַ געוויסע מאָס סודות'דיקייט איז אַ באַדינג פונ'ם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

70. צווישן די אַלע געזעלשאַפטלעכע מכות געפינט זיך אויך סודות'־דיקייט.

71. אַז מ'טוט גוטעס בסוד גיט עס אַ געוויסע צופרידנקייט; אַז מ'טוט שלעכטס בסוד פלאָגט עס דעם געוויסן.

72. ווען דו דערוואַרטסט עפּעס פון יענעם און קריגסט עס ניט — האַלט עס בעסער בסוד.

73. מ'קען ניט וויסן יענעמס סוד, וואָס מאַכט אים צו טאָן זאַכן אַנדערש ווי דו פאַרשטייסט.

74. דאָס וואָס קען איינעם צווינגען היינט צו האַלטן אַ זאַך בסוד, קען אים מאָרגן צווינגען עס אַרויסצוזאָגן.

75. אויף אַ פאַרלעסלעכן פריינט דאַרפסטו ניט וואַרפן קיין חשד, און ווען דווקא אויסגעפינען זיינע פּריוואַטע סודות.

76. ביז דו באַשליסט עמיצן דן צו זיין, בפרהסיא, לכף־חוב, האַלט עס כאָטש דערווייל בסוד.

77. צי אין פרייד צי אין לייד (האַלט זיך צוריק פון אויפרעגונג) איז גוט צו האַנדלען אַביסל בסוד.

78. פריי זיך ניט פון דיין פיינטס דורכפאַל, פרייסטו זיך יאָ — האַלט עס כאָטש־בי בסוד.

79. ווען איינער האָט צופיל און דער אַנדערער גאָרניט דאַרף מען עס ניט האַלטן בסוד.

80. ווען אַ דאָקטאָר זעט אַז פאַרן פּאַציענט איז געזינטער ניט צו וויסן זיין אמת'ע לאַגע, האַלט ער עס בסוד.

81. האָב ניט קיין פאַרדרוס פאַר דיינע דורכפאַלן, האָסטו עס יאָ, האַלט עס אַמווייניקסטן בסוד.

82. ווען דו טוסט גוטס זאָל עס בעסער אַן אַנדערער אויסזאָגן, רייד ניט דאַריבער — האַלט עס בסוד.

סוד

83. אַז מ'האַלט פאַרגאַנגענע גוטע טאַטן בסוד מעג מען ריידן און דענקען וועגן ווייטערע גוטע טאַטן.

84. צוליב יענעמס ניט פאַרגינערייַ האַלט מען אַמאָל זאַכן בסוד.

85. אַ שווייגער האַלט אַמאָל ביי זיך ווייניקער סודות ווי אַ שרייער.

86. אייניקע פאַרדעקן זייער סוד פון האַס מיט גלאַטע ריידלעך און אַנדערע, ווייטער, פאַרדעקן זייער סוד פון ליבע מיט אָפּע־נער קאַלטקייט.

ה.

סדר

1. אַ סדר איז אַ געוויסע דיסציפּלין, אַ באַשטימטער איינשטעל.

2. יעדער פּריוואַטער מענטש, אָדער געזעלשאַפט, דאַרף האָבן אַ סדר.

3. אַ געזעלשאַפט אָן אַ פעסטגעזעצטן סדר איז אַ כאַאָס.

4. ווען אַ געזעלשאַפט האָט ניט קיין באַשטימטן סדר איז עס ווי אַ דור־הפלגה.

5. אַ געזעלשאַפט קען ניט צעמענטירט ווערן ווען זי האָט ניט קיין באַשטימטן סדר.

6. אַ נאָרמאַלער איינשטעל איז דער וואָס האָט אַ באַשטימטן סדר.

7. ווען אַ באַשטימטער סדר ווערט צעשטערט און אַ צווייטער איז נאָך ניט איינגעשטעלט געפינט מען זיך אין אַן אבנארמאַלן אי־בערגאַנגס צושטאַנד.

8. פאַר אַ יחיד איז אויך בעסער צו מאַכן זיך זיין באַשטימטן סדר.

9. ווען אַ מענטש מאַכט אַפילו פון צייט צו צייט אַן ענדערונג אין זיין לעבענסשטייגער וועט אַלץ מאָנען דער קערפּער זיין סדר.

10. אפילו אין די אייגענע ד' אמות, אפילו וואָס איז שייך די פליכטן בנוגע זיך אליין, מוז מען איינפירן אַ סדר, כדי דאָס לעבן זאָל גיין ווי געהעריק.

11. שוין אָפּגערעדט ווען צוויי לעבן צוזאַמען, מוז זיכער זיין אַ סדר, אַזוי אַז איינער זאָל ניט קומען אין קאָנפליקט מיט'ן צווייטן.

12. ווער שמועסט שוין אין אַ גרעסערער משפחה, מוז דאָך אוודאי זיין אַ באַשטימטער סדר צו קענען פירן די בעל־הביתישקייט.

13. ווען אַ סוחר זאָל ניט האָבן קיין סדר אין אויסלייגן זיין וואַרע, וואָלט ער יעדן טאָג געדאַרפט פאַרשווענדן צופיל ענערגיע צו זוכן זיינע באַשטימטע סחורות.

14. ווען צוויי, דריי בעלי־מלאכות אַרבעטן צוזאַמען מוזן זיי איינשטעלן אַ געוויסן סדר צווישן זיך אַזוי, אַז איינער זאָל זיך ניט פּלאָנטערן אינ'ם צווישן.

15. ס'איז גוט צו האָבן אַ סדר פאַר זיך אַליין און ס'איז נויטווענדיק צו האָבן אַ סדר אין בין־אדם־לחברו־אנגעלעגנהייטן.

16. אַ יחיד מוז אַמאָל ענדערן זיין סדר ווען זיין איינשטעל מאַכט אַנדערע אומבאַקוועם.

17. ווילסטו אויף אַן אַנדערן אַרויפצווינגען דיין סדר מעגסטו דערוואַרטן אַ ווידערשטאַנד.

18. אַ סדר וואָס איז אָנגענומען פון אַלעמען פּרייוויליק איז דער געזינטסטער.

19. אין געוויסע צייטן דאַרף מען ענדערן אַ סדר, לויט די אומשטענדן.

20. יעדער אויטאָריטעט וואָס איז אנערקענט אין אַ געוויסן קרייז, קען זיך דערלויבן, אונטער געוויסע אומשטענדן, צו באַשטימען אַ צייטווייליקן סדר פאַר אַ ציבור.

21. אין אַ באַשטימטער ווירטשאַפט איז ניט געזונט צו ענדערן צו אָפט דעם סדר.

22. ווען אַ משפּחה פירט זיך לויט אַ באַשטימטן סדר, ווערט עס שוין אַ טראַדיציע.

23. אַן אויסגעאַרבעטער משפּחה־סדר פון אַ געוויסע צאָל מענטשן קען אַזוי לאַנג אָנהאַלטן, ווי לאַנג די צאָל איז דיזעלבע.

24. ענדערט זיך די צאָל פון אַ משפּחה, ענדערט זיך אויך דער סדר.

25. אַן איינגעפונדעוועטער געזעלשאַפטלעכער־סדר ענדערט זיך ניט אַזוי אָפט ווי אַ משפּחה־סדר.

26. ווען איין מיטגליד פעלט, אָדער קומט צו, אין אַ געזעלשאַפט, קען עס קיין סך ניט שטערן דעם אָנגענומענעם סדר. — ניט אַזוי איז עס אין אַ משפּחה.

2. אין אַ ווירטשאַפט פון אַ יחיד מאַכט זיך איעדער זיין סדר, אָבער אין אַ געזעלשאַפט דאַרפן אַלע אָננעמען אַ געוויסן סדר.

28. פּאַרציייטיקע מענטשן האָבן געהאַט זייער סדר און אויך מאָ־דערנע מענטשן קענען ניט אויסקומען אָן אַ סדר.

29. ווען מע שטעלט איין אַ געזעלשאַפטלעכן סדר, ווערט עס מיט דער צייט, פאַרהייליקט.

30. עס איז זיך שווער אַרויסצורייסן פון אַן אַלטן סדר, און ס'איז אויך שווער איינצופירן אַ נייעם סדר.

31. אַ סדר, וואָס איז גוט פאַר אַלעמען, האָט אַ לענגערן קיום.

32. אַ סדר, וואָס ברענגט נאָר נוצן איינצעלנע האָט אַ וואַקלדיקן פונדאַמענט.

33. פאַר דעם אייגענעם גוף און נשמה איז בעסער אַז מ'מאַכט זיך אַ געוויסן סדר.

34. אַ געזעלשאַפטלעכער סדר ווערט פעסטגעשטעלט דורך היסטאָרישע פּאַסירונגען.

35. אַפילו אַן איינגעפונדעוועטער סדר ווערט דורך קלימאַטישע און אידעאָלאָגישע אומשטענדן, מיט דער צייט, געענדערט.

36. איינצעלנע מענטשן פירן זיך ניט אויף מעכאַניש לויט אַן אַל־געמיינעם סדר, זיי האָבן זייער פסיכאָלאָגישן און פראַקטישן צוגאַנג צו אים.

37. יחידים גיבן צו צו אַן אַלגעמיין־אָנגענומענעם סדר זייער אייגענעם קאָליר.

38. אַן אויטאָריטעט אין אַ משפחה אָדער אין אַ געזעלשאַפט העלפט אָנהאַלטן אַ געוויסן סדר.

39. אין אַ פעסטגעשטעלטן סדר איז דאָס לעבן געמיטליכער.

40. ווען פילע רעוואָלטירן קעגן אַ געוויסן סדר, איז אַ סימן אַז מ׳דאַרף אים אונטערזוכן.

41. אַ געזעלשאַפטלעכער סדר דאַרף צופרידנשטעלן, אויב ניט אַלעמען, איז דעם רוב.

42. אַ יחיד׳ישער סדר דאַרף ניט אַנרירן דעם צווייטן.

43. אין אַן אַבנאָרמאַלן צושטאַנד דאַרף מען פאַרבייגיין דעם נאָר־מאַלן סדר.

44. ביי יעדער מעגלעכקייט דאַרף מען אָבער זען אָנצוהאַלטן אַ געוויסן סדר.

45. די וואָס זיינען געוואוינט אָנצוהאַלטן אַ סדר קענען אַסך מאָל העלפן, אין פראַקטישן לעבן, די יעניקע וואָס ווייסן ניט פון קיין סדר.

46. אַסך אָפּנויגערס פאַרבענקן זיך אַמאָל נאָך אַ סדר.

47. אַ סדר וואָס איז אָנגעפיקעוועט מיט שטרענגע, אומבויגזאַמע־פאַרשריפטן, ווערט מיט דער צייט אַ לאַסט פאַרן מענטשן.

48. אַ סדר דאַרף האָבן אין זיך אַ פֿליסיקע וואַרמקייט, ניט קיין פֿאַרפֿרוירענעם פּעדאַנטיזם.

49. אַ סדר מיט אַן אייגענער דיסציפּלין איז מער צום האַרצן.

50. אַ סדר מיט אַן אַרויפֿגעצוואונגענער דיסציפּלין שאַפֿט אומצופֿרידנקייט.

51. פֿאַר אַ גייסטיק צוריקגעשטאַנענעם איז בעסער ווען אַן אַנדערער באַשטימט פֿאַר אים אַ סדר.

52. אַלע בעלי־חלומות מוזן באַשליסן אַ געוויסן סדר.

53. ווען מען שאַפֿט אָפּ אַן אַלטן סדר מוז מען איינפֿירן אַ נייעם.

54. איעדער האָט אַ רעכט צו זיין אייגענעם פּריוואַטן סדר, אויף וויפֿיל עס רירט ניט אָן יענעם.

55. יעדער־געזעלשאַפֿטלעכער און פּריוואַטער־סדר דאַרף באַצוועקן דאָס וואוילזיין אָבער ניט דעם שאָדן פֿון אַנדערע.

56. יעדער סדר האָט זיך זיינע אורזאַכן.

57. אַן איינגעשטעלטער סדר העלפֿט אפֿילו אין אַ קאַטאַסטראָפֿאַלער צייט, אַנצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט.

58. ביי איינעם קען אַ געוויסער סדר זיין נאַריש און ביים צווייטן איז עס קלוג.

59. אין איעדן סדר זוכט מען אַ חבר׳שאַפֿט.

60. דערוואַקסענע לעבן אַלעמאָל איבער זייערע קינדערשן סדר.

61. אַ באַשטימטער סדר, אַנגעהאַלטן דורך דער קינדהייט, לייגט אַרויף זיין חותם, אַמאָל צום גוטן און אַמאָל צום שלעכטן — אויף די שפּעטערע יאָרן.

62. מ׳קען ניט דערציען אַ נייעם דור אָן אַ באַשטימטן סדר.

63. דעם איינפלוס פון אַ גוטן סדר אויף אַ קינד קען מען ערשט שפּעטער אָפּשאַצן.

64. אי אַ סדר פון אַ יחיד, אי אַ סדר פון אַ רבים האָט דעמאָלט אַ האַפט, ווען ער איז אוועקגעשטעלט אויף אַ מאָראַלישן יסוד.

65. אַ פאַנאַטיקער לאָזט גאָרניט פאַלן פון זיין סדר.

66. אַ סדר אינ׳ם טעגלעכן לעבן פאַרשפּאָרט דאָס פּטור׳ן איבריקע צייט און מי.

67. אַ געזעלשאַפטלעכער סדר מאַכט דעם יחיד, אַסך מאָל, פאַרגעסן אָן זיינע פּריוואַטע זאָרגן.

68. אַ געזעלשאַפטלעכער סדר פאַרהיילט, מיט דער צייט, די גייסטיקע וואונדן פונ׳ם יחיד.

69. אין אַן אָרגאַניזירטן־געזעלשאַפטלעכן־סדר גייט עס אַן מיט דעמזעלבן גאַנג ווען אפילו דער אָדער יענער יחיד פעלט.

70. אין אַ געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירטן סדר ווערט דער יחיד געשטאַרקט.

71. דער געזעלשאַפטלעכער סדר ברענגט מענטשן נענטער איינער צום צווייטן.

72. דער סדר פון אַ רבים לייגט אַרויף אויף יעדן יחיד אַ פליכט.

73. אַ רעליגיעזער קיבוץ פאַרהייליקט זיין סדר, אָבער אויך אַ וועלטלעכער קיבוץ טאָר זיין סדר ניט פאַרשוועכן.

74. אפילו אין אַ געדאַנקענאויסטויש מוז זיך אויסאַרבעטן אַ געוויסער סדר כדי מ׳זאָל זיך פאַרשטיין.

75. אָן אַ סדר הערשט אַ תהו־ובהו אין דער נשמה און אינ׳ם גוף.

76. ווען פון אַ גוטמוטיקן סדר ווערט אַ בייזע אינסטיטוציע פאַרלירט ער זיין מאָראַלישע עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג.

77. ס'איז אַ חוב פון יעדן יחיד אָנצוהאַלטן אַ געזעלשאַפטלעכן סדר, און ס'איז אַ חוב צו זיך אַליין אָנצוהאַלטן אַן אייגענעם־און אַ משפחה־סדר.

78. אַ שלעכטער שכן זוכט יענעמס סדר צו צעשטערן — אַפילו ווען עס רירט אים ניט אָן.

79. אַזוי ווי עס פאָדערן זיך ערלעכע כוונות ביים איינפירן אַ סדר אַזוי פאָדערן זיך נאָך מער ערלעכע כוונות ביים ענדערן אַ סדר.

80. אַן איינגעפירטער סדר איז אַזוי ווי אַן אומבאַריר־בארע־הייליקייט, און מיט אַ הייליקייט דאַרף מען פאָרזיכטיק אַרומגיין.

81. אַזוי ווי פאַר אויפבויען אַ סדר דאַרף מען האָבן אַסך געדולד אַזוי דאַרף מען האָבן נאָך מער געדולד איבערצובויען אַ סדר.

82. צעשטערן אַ סדר קען אַיעדעס אומשולדיק קינד — און אַ יעדער בייזוויליקער מענטש.

83. אין אַ צוזאַמענקום דאַרף זיין אַ סדר אַזוי אַז יעדער יחיד זאָל קריגן זיין טייל.

84. אויפצוריכטן אַ „סדר־העולם" דאַרף זיין אַלעמענס באַשטרעבן!...

ו.

העפלעכקייט

1. מ׳דאַרף האָבן טאַקט אין העפלעכקייט; יענעם ניט צו באַליי־דיקן אַפילו ווען מ׳דענקט אַז יענער איז אַ גאַרניט.

2. ס׳איז גוט צו זיין העפלעך ווען אַפילו יענער איז עס ניט אין אַ פולער מאָס.

3. ווען מ׳ווייזט יענעם אַרויס גראָבקייט קען מען ניט דערוואַרטן פון יענעם העפלעכקייט.

4. העפלעכקייט איידלט אויס זיך און יענעם אויטאָמאַטיש.

5. איז מען העפלעך צו יענעם, דאַרף שוין יענער זיין ניט קיין איידלמאַן צו זיין גראָב צו דיר.

6. ווען אפילו דיר דאַכט זיך אַז יענער פאַרדינט עס ניט איז אַלץ בעסער צו פראַקטיצירן העפלעכקייט צו אים.

7. ווען מען פראַקטיצירט קעגנזייטיקע העפלעכקייט קען זיך, מיט דער צייט, אַנטוויקלען אַן אמת׳ע פריינטשאַפט.

8. העפלעכקייט איז אַ מיטל מיט וועלכן מ׳קען זיך לייכט באַנוצן פאַר גוטסקייט.

9. ס׳איז שווער צו זיין גוט צו יענעם אָן העפלעכקייט, און העפ־לעך אָן גוטסקייט.

10. אַ גרויסן מענטשנס העפלעכקייט מינערט קיינמאָל ניט זיין גרויס־קייט.

11. גבורה מיט העפלעכקייט זיינען ניט קיין שלעכטע פּאָר.

12. צו זיין העפלעך צו אַ שונא דאַרף מען האָבן אַ שטאַרקן כאַ־ראַקטער ניט צו פּלאַנעווען, בשעת מעשה, עפּעס אַ נקמה׳לע אין׳ם געדאַנק.

13. העפלעכקייט מיט אַ גוטער כוונה קען ברענגען גוטעס פאַר זיך און פאַר דעם צווייטן.

14. העפלעכקייט מיט אַ שלעכטער כוונה איז אַ דורכזיכטיקער פאַרהאַנג צו בייזע געדאַנקען.

15. רחמנות־העפלעכקייט צו אַ שונא מיינט נאָך ניט אַז אין׳ם האַרצן האָט מען אים שוין אַלץ פאַרגעבן.

16. בלויז אמת׳ע אויסגעפּרובירטע גוטע פריינט קענען זיך אַמאָל דערלויבן ניט צו זיין העפלעך און ס׳זאָל ניט שאַדן דער פריינט־שאַפט.

17. אַ העפלעכער שטראָפער האָט אַ בעסערן אויסקוק אויף גוטע רעזולטאַטן ווי אַ בייזער קריטיקער.

18. ווען מ׳ווייזט יענעם אַרויס גראָבקייט קען מען ניט דערוואַרטן פון יענעם העפלעכקייט.

19. מ׳דאַרף באַזיצן אַ גרויסע מאָס גרויסקייט צו קענען זיין העפ־לעך צו אַ גראָביאַן.

20. העפלעכקייט איז אַ סך מאָל אַ מיטל צו אַפּמעסטן יענעמס כאַראַקטער.

21. אַ ניט העפלעכער ענטפער טוט טאַקע ווי אָבער ס׳מיינט נאָך ניט אַז יענער איז אינגאַנצן אַ פאַרדאָרבענער מענטש.

22. פון אַן אויסגעשפּראָכענעם שונא איז העפלעכקייט אַ פּאַסטקע,

פון אַ פריינט איז העפלעכקייט אַ נאַטירלעכע זאַך. אָבער פון אַן אומבאַקאַנטן איז העפלעכקייט אַלעמאָל אַ ריכטיקער אַקט.

23. צו זיין העפלעך צו דעם וואָס באַליידיקט דיך אָדער טוט דיר באַוואוסטזיניק שאָדן מאַכט דיך ניט שפּל'דיק.

24. אַנצוהאַלטן העפלעכקייט איז אַ מיטל ווי ניט איבערצוברעכן אַפילו אַ צווייפלהאַפטע פריינטשאַפט.

25. ווען מ'קען זיך שוין אינגאַנצן ניט קאָנטראָלירן איז דער בעסטער מיטל צו איגנאָרירן זאַכן איידער אַרויסצורופן בייז בלוט.

ז.

אייגענער שטייגער

1. איעדער האָט זיך זיין אייגן לעבן.

2. מ׳קען קיינמאָל ניט קאָפּירן יענעמס לעבן — ווייל איעדער האָט זיך זיין אייגן לעבן.

3. מיר געפינען ניט אפילו צוויי לייבלעכע ברידער אָדער שוועס־טער, וועלכע זאָלן פירן אַ גלייך לעבן.

4. יעדע באַוועגונג און יעדע פּאַסירונג ווירקט אויף יעדן יחיד אַנדערש, און עס שאַפט זיך אַן אייגן אַרט לעבן.

5. אַזוי ווי איינער קען ניט אָטעמען פאַרן צווייטן, אַזוי מוז זיך יעדער שאַפן זיין אייגן לעבן.

6. יעדע געשעעניש נעמט איעדער יחיד אויף אויף זיין ספּעציעלן אופן און פאַרדייט עס לויט די אייגענע כוחות און ענערגיע.

7. מיר זעען ווי אַ שמחה, אָדער, פאַרקערט, טרויער, דריקט איע־דער יחיד אויס לויט זיין טעמפּעראַמענט.

8. איז איינער שלעכט געשטימט קען ער ניט האָבן קיין פולע פרייד, אפילו פון דער אנגענעמסטער געשעעניש.

9. איז איינער גוט געשטימט זעט ער אפילו אין דער פינצטערסטער סיטואַציע עפּעס אַ ליכטיק שטראַל.

10. ווען דער גוף און נשמה זיינען צופרידן זעט מען זאַכן מיט אַנדערע אויגן, ווי ווען ביידע זיינען אין אומאָרדנונג.

11. אַזוי ווי אַ יחיד טייטשט אויס אַ געשעעניש אַזוי רעאַגירט ער אויף איר.

12. זעט מען אין אַ זאַך עפּעס בייזעס, ווערט מען אויפגערעגט, זעט מען אין אַ זאַך גוטעס שאַפט עס צופרידנקייט.

13. דער אויסטייטש פון געוויסע זאַכן נעמט זיך אויך פון פריער־דיקער לעבנס־דערפאַרונג.

14. ס'איז טאַקע פאַראַן אַ ציבור־פרייד און אַ ציבור־טרויער אָבער עס רופט זיך דאָך אָפּ אויף איעדן מענטשן אַנדערש, לויט די אַנגעהויכטע שטימונגען.

15. איינעם קען מען מיט אַ מתנה אַריינברענגען אין אַן אויפגע־לייגטער שטימונג און אַן אַנדערן קען מען שטעלן אין אַ פאַר־לעגנהייט.

16. איין זאַך קען ביי איינעם אויסזען טראַגיש און ביי דעם אַנדערן גאָר קאָמיש.

17. דיזעלבע זאַך אונטער פאַרשידענע אומשטענדן קען שאַפן ביי דערזעלבער פּערזאָן פאַרשידענע באַציאונגען צו איר.

18. ווען צוויי יחידים פאַראייניקן זיך האָט זיך איעדער יחיד זיין אורזאַך דערביי: — זייער אייגן לעבן דיקטירט עס.

19. צוויי מענטשן קענען טאָן איין זאַך אָבער האָבן ניט דעמזעלבן סענטימענט דערביי. — אַ געפיל זאַך לאָזט זיך ניט לייכט מעסטן.

20. דער טעמפּעראַמענט פון איעדן יחיד ווערט באַשטימט פון זיין קערפּערלעכער און גייסטיקער קאָנסטיטוציע.

21. אפילו צו אַ זאַך, וואָס צוויי מענטשן האָבן אין איר דעמזעלבן אינטערעס, האָט זיך איעדער זיין אייגענעם צוגאַנג.

22. צוויי מענטשן קענען הערן איין־און דיזעלבע פאַרציילונג און איעדער באַזונדער זאָל שטעלן דעם טראָפּ אויף אַן אַנדערן פּונקט.

23. ווען אַ רבים נעמט אָן אַ געוויסן מנהג, פירט עס דאָך איעדער יחיד אויס אין זיין אייגן לעבן, אויף זיין אייגענעם שטייגער.

24. איינער טוט אַ זאַך לייכטזיניק און דער אַנדערער מיטן גאַנצן ערנסט.

25. ביים דערציען קינדער האָבן אַפילו דיזעלבע טאַטע־מאַמע אַנדערע מיינונגען בנוגע יעדער קלייניקייט.

26. ווען קינדער באַשליסן אַוועקצוגיין פון זייערע עלטערן, טוען זיי עס, ס׳רוב, אום צו קענען איינאָרדנען זייער לעבן, ווי זיי פאַרשטייען עס.

27. יעדער נעמט אָן אָדער פאַרוואַרפט עפּעס פון דער אַרומיקער סביבה אינ׳ם הסכם מיט זיין אייגענעם אַרט לעבן.

28. פאַר זיך טייטשט מען אויס זאַכן אַנדערש ווי פאַר יענעם.

29. איעדער פאַסט אויף זאַכן לויט זיין אייגענער דערפאַרונג.

30. יעדנס זעלנצושטאַנד און דערפאַרונג זיינען אַנדערש ווי אַן אַנדערנס.

31. האָט איינער אַ געוויסע סימפּאַטיע צו אַ זאַך זעט ער עס אין אַ גוטער שיין, ווען ניט, איז פאַרקערט.

32. אפילו אַ צוזאַמענלעבן ווערט אויך באַאיינפלוסט פון ווען פירן אַן אייגענעם לעבן.

33. ווען צוויי רייסן איבער זייערע פאַרבינדונגען ווערט עס דיקטירט אָדער דורך זייערע געפילן, אָדער אינטערעסן.

34. ווען מ׳טוט עפעס פאַר יענעם איז עס אויך מיט דער כוונה צו טאָן פאַר זיך און יענעם.

35. טאָן אַ זאַך איבער געוואַלד איז ניט אין הסכם מיט׳ן אייגענעם לעבן.

36. איעדער יחיד שאַפט זיך זיין אייגן וועלטל צו לעבן דאָרט.

37. טוענדיק אַ זאַך פאַר יענעם זעט מען זיך אין יענעם.

38. ווען מען טראָגט אַ געוויסע אחריות פאַר געוויסע זאַכן איז עס תמיד פאַרבונדן מיט׳ן אייגענעם באַנעם.

39. דאָס אייגענע לעבן איז פאַרבונדן מיט קליינִיקייטן אַזוי גוט ווי מיט גרויסע זאַכן.

40. אַז איינער בייט אַמאָל אַ זאַך אָדער אַן איבערצייגונג איז עס, אָדער צוליב באַקוועמלעכקייט אָדער נויטווענדיקייט.

41. אין אייגענעם לעבן דאַרף מען זיך היטן ניט אַנצוגרייפן יענעמס אָרט לעבן.

42. טרעט מען אַריבער די גרעניץ־ליניע פון אַ צווייטנס לעבן שאַדט מען אַמאָל זיך אַליין.

43. יעדער האָט זיך זיין פאָרשטעלונג ווי איינצואָרדענען זיין אייגן לעבן.

44. פאַר אַריבערטרעטן די גרעניצן פון אַ צווייטנס לעבן, דאַרף מען האָבן אַ באַשטימטע אורזאַך.

45. ווען מען דאַרף גיין אין שפאַן איז עס שוין ניט קיין אייגן פריי לעבן.

46. אַליין זיך מתיר זיין אַריינצומישן זיך אין יענעמס לעבן, איז ניט קיין ריכטיקער וועג.

47. אַן אָנגעגנומענער מנהג פון אַ ציבור וועבט זיך אַריין אין יעדן יחיד׳ס אייגענעם לעבן.

48. ווען מען האַנדלט אין איינקלאַנג מיט׳ן אייגענעם ווילן און אינטערעס, דאַרף מען זען אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס מיט יענעמס לעבן.

49. אין אַ געמיינשאַפטלעכער זאַך דאַרף יעדן יחיד׳ס אייגן לעבן גענומען ווערן אין באַטראַכט.

ח.

אַן ערלעכער מענטש

1. אַן ערלעכער מענטש האָט איין פּנים, אַ פאַלשער מענטש האָט צוויי און מער פּנים'ער.

2. ווען אַן ערלעכער מענטש איז אַמאָל געצוואונגען צו האַנדלען אַנדערש ווי ער דענקט, באַמיט ער זיך כאָטש צו טאָן עס לטובה, ניט לרעה.

3. אַן ערלעכער מענטש וועט אַלעמאָל זען אַליין צו ברענגען דעם ערשטן קרבן.

4. אַן ערלעכער מענטש זוכט זיך אויסצודריקן אויף זיין אָרנטלעכן שטייגער מיט מעשים.

5. אַן ערלעכן מענטשן איז שווער אָפּצואָווענדן פון זיין באַשלוס כל־זמן ער איז איבערצייגט אין זיין ריכטיקייט און גערעכ־טיקייט.

6. אַן ערלעכער מענטש ווערט געפערלעך ווען ער ווערט אַ פאַ־נאַטיקער.

7. ס'איז גוט ווען ערלעכע מענטשן דענקען אויך קלאָר, האָבן אַ קלאָרן שכל.

8. ווען אַן ערלעכער מענטש ציילט נאָר ערלעך זיינע גראָשנס איז ניט גענוג.

9. אַן ערלעכער מענטש דאַרף האָבן אַ ציל צו וואָס צו שטרעבן.

10. ווען איינער איז ערלעך איב'ם הארצן טוט אים ווי ווען מ'טייטשט אים אויס שלעכט.

11. ווען אן ערלעכער מענטש ווערט אנטוישט פון פריינט איז עס ביי אים די גרעסטע טראגעדיע.

12. אן ערלעכער מענטש ווארפט ניט קיין חשד אויף זיינע פריינט.

13. אן ערלעכער מענטש וועט אויסמיידן צו האנדלען איינזייטיק.

14. א גוטער־ערלעכער מענטש זוכט זיך צו טיילן מיט זיינע פריידן.

15. אן ערלעכער מענטש שלינגט אליין ארונטער זיינע ליידן.

16. אן ערלעכער מענטש איז הונגעריק פאר פריינטשאפט.

17. אן ערלעכער מענטש זוכט עפעס צו טאן פאר זיינע מיטמענטשן.

18. אן ערלעכער מענטש פארבייגט אמאל זיין פערזענלעכן גליק.

19. אן ערלעכער מענטש ווערט ניט שנעל באאיינפלוסט פון רכילות.

20. אן ערלעכער מענטש קען ניט שפילן אין דיפלאמאטיע.

21. ביי אן ערלעכן אמת'ן מענטשן גייט ניט גלאטיק א געצוואונגענער ליגן.

22. ווען אן ערלעכער מענטש מוז עפעס באהאלטן ווערט ער טראגיש.

23. אן ערלעכער מענטש קען ניט פארליידן קיין צביעות.

24. אן ערלעכער מענטש שאצט אויך אפ זיין ערלעכן קעגנער.

25. אן ערלעכער מענטש איז ניט גענויגט צו פארדעכטיקן אנדערע.

26. אן ערלעכער מענטש זוכט פינקטלעכקייט ביי זיך און איז דן־לכף־זכות יענעמס אומפינקטלעכקייט.

27. יעדער ערלעכער מענטש געפינט זיך שוין א פעלד פאר זיינע מעשים.

28. ווען אַן ערלעכער מענטש ווערט מיט עפּעס געשטרויכלט איז עס מער טראַגעדיע פאַר אים ווי פאַר דער געזעלשאַפט.

29. אַן ערלעכער מענטש ווערט באַשטראָפט פון זיין אמת.

30. אַן ערלעכער מענטש שרעקט זיך ניט פאַר זיין אמת.

31. אַן ערלעכער מענטש איז ניט אַלעמאָל פּראַקטיש.

32. אַן ערלעכער מענטש פאַרוואַרפט פּראַקטישקייט צוליב דעם אמת.

33. אַן ערלעכער מענטש וועט ניט מאַכן קיין קאָמפּראָמיס צוליב אייגענער טובה.

34. אַן ערלעכע נאַטור לאָזט זיך גיכער פירן פון זיינע געפילן ווי פון שכל.

35. אַן ערלעכער מענטש פאַרגעסט וועגן זיין מאָרגן.

36. אַן ערלעכער מענטש פאַרבייגט בעסער אייגנס איידער יענעמס.

37. אַן ערלעכער מענטש וועט בעסער קעמפן קעגן יענעמס עוולה ווי קעגן אַן אייגענער.

38. אַן ערלעכער מענטש איז ניט צופרידן נאָר מיט'ן אייגענעם גוטס.

39. ביי אַן ערלעכן מענטשן איז דאָ אַ קוואַל פון גוטסקייט.

40. אַן ערלעכע נאַטור קען אַמאָל זיין בלינד, אָבער איז אַלעמאָל ריין.

41. פאַרפירן אַן ערלעכע נאַטור איז ערגער ווי פאַרפירן זיך אַליין.

42. אַן ערלעכער מענטש זוכט ניט נאָר אייגענע באַקוועמלעכקייט, נאָר ברויזט צו טאָן מעשים־טובים.

43. אַן ערלעכער מענטש שעמט זיך ניט צוצוגעבן, ווען ער מאַכט אַ טעות.

44. אַן ערלעכער מענטש קען בייטן זיינע מיינונגען און דאָך בלייבן ערלעך.

45. עס איז טראַגיש צו זען ווען אַן ערלעכער מענטש ווערט פאַר־פירט דורך צוטרוי צו אַנדערע.

46. ווען אַן ערלעכער מענטש ווערט באַאיינפלוסט פון אַ שווינדלער ווערט ער אַליין אויך געפערלעך.

47. ווען אַן ערלעכער מענטש דאַרף ליידן פאַר זיינע טעות'ן ווערט ער עס אָננעמען באהבה.

48. ווען אַן ערלעכער מענטש דאַרף ליידן פאַר זיינע איבערצייגונ־גען, פעלט אים אויך ניט קיין מוט דערצו.

49. אַ זעלבסטשטענדיק ערלעכע נאַטור קען ווערן פאַרביטערט אָבער אַלץ האַנדלען ערלעך.

50. אַן ערלעכער מענטש וועט בעסער לאָזן אַז זיינס זאָל איבער־גיין אידער יענעמס.

ט.

מענטשלעך און ניט־מענטשלעך

1. מענטשלעך אין פולן זינען הייסט: גוט צו אַלעמען און אין זיך אויך ניט צו פאַרגעסן.

2. אַן עגאָאיסט וואָס איז נאָר פאַר זיך אַליין איז ניט מענטשלעך.

3. איינער וואָס קלערט נאָר פאַר יענעם און פאַרגעסט אינגאַנצן אין זיך, איז ניט מענטשלעך — ווייל ער איז איבערמענטשלעך.

4. אויסקלייבן דעם מיטלוועג איז מענטשלעך.

5. איבערטרייבן — גוט אָדער ווילד־שלעכט איז ניט מענטשלעך.

6. דורכריידן זיך מיט אַ קעגנער איז מענטשלעך.

7. צו נוצן געוואַלד צו אַ קעגנער איז ניט מענטשלעך.

8. פאַרטיידיקן זיך קעגן אַ שונא איז מענטשלעך.

9. אַטאַקירן אַ שונא איז ניט אַלעמאָל מענטשלעך.

10. מענטשלעך איז: צו נוצן דעם שכל פאַר טאָן גוטס.

11. ס'איז אוממענטשלעך צו נוצן דעם שכל פאַר שלעכטס.

12. צו באַזיצן וויסן מיינט נאָך ניט אַז מ'איז מענטשלעך.

13. מיט אַפילו גוט־מיינענדיקע כוונות קען מען אָפּטמאָל האַנדלען ניט מענטשלעך.

14. מענטשלעך הייסט: רעכן אויך איבער דעם צווייטן.

15. אַ פאַלשער מענטש קען ניט האַנדלען מענטשלעך.

16. אַ גוטער מענטש וויל אַלעמאָל האַנדלען מענטשלעך.

17. מ׳קען אַמאָל מיינען אַז מ׳האַנדלט מענטשלעך און דאָך זיין אַן אוממענטש.

18. באַהאַנדלען יענעמס וויטאָקן מיט קאַלטער לאָגיק איז ניט מענטשלעך.

19. צו האַנדלען מענטשלעך מוז מען אַמאָל אַביסל פאַרבייגן דעם „איך".

20. מענטשלעך איז: ווען מ׳זאָרגט זיך פאַר יענעמס נשמה, זאָל מען זיך אויך זאָרגן פאַר יענעמס גוף.

21. יענעמס חסרונות דאַרף מען אויך זען מיט מענטשלעכע אויגן.

22. אַ בעל־החלומות ווייסט אַמאָל ניט ווי צו זיין איינפאַך מענטשלעך.

23. היסטערישע מענטשלעכקייט איז אַביסל צו זיס.

24. היפאָקריטישע מענטשלעכקייט האָט ניט קיין טעם.

25. אָנגעבלאָזענע מענטשלעכקייט האָט אַ זויערלעכן ריח.

26. קאַלטע מענטשלעכקייט עקזיסטירט איבערהויפּט ניט.

27. ס׳איז ניט מענטשלעך יענעם שווערער צו מאַכן זיינע ליידן, ווען מ׳קען עס פאַרמיידן.

28. ווען איינער גלויבט אין דיר, איז ניט מענטשלעך אים צו ווען נאַרן.

29. ס׳איז ניט מענטשלעך חוזק צו מאַכן פון אַן אומבאַהאָלפענעם.

30. ס׳איז ניט מענטשלעך יענעם שאַדן צו טאָן מיט גלייכגילטיקן האַנדלען.

31. ס'איז ניט מענטשלעך אַלעמען דן צו זיין לכף־חוב.

32. ס'איז ניט מענטשלעך ווען דו קענסט יענעם העלפן און טוסט עס ניט.

33. ס'איז ניט מענטשלעך אַן אומשעדלעך־פאַנאַטישן־גלויביקן אָנ־צוגיסן מיט אַ שניידיק־קאַלטן עמער פון אפיקורסות.

34. שכלדיקע אויפקלערונג איז מענטשלעך, ניט בייסיקע, שטע־כיקע אַריינזאָגעכץ, אַז ס'זאָל וויי טאָן.

35. ווען איינער פראַקטיצירט נאָר בייזע מעטאָדן, איז עס מענטש־לעך אים אַמאָל צו געבן פאַרזוכן זיין אייגענע מעדיצין.

36. ווען איינער איז אַ פאַנאַטישער שעדיקער איז עס מענטשלעך אים אויפצואווייזן די שעדלעכע טואונגען זיינע.

37. ס'איז ניט מענטשלעך צו מישן זיך אין יענעמס פריוואַטע־עסקים, וועלכע זיינען אונדז ניט נוגע.

38. האָסטו אַ מעגלעכקייט יענעם צו העלפן מיט טאַקטישער האַנד־לונג, איז עס מענטשלעך אפילו זיך צו מישן אין יענעמס עסקים.

39. ס'איז מענטשלעך אַמאָל אַליין צו וועלן זיין אַ מענטש — און זיך ניט שרעקן פאַר דעם...

י.

אייגענע און יענעמס ליבגעזאנגען

1. ס'זיינען פאראן מענטשן וואס פאר'שיכור'ן זיך מיט אייגענע ליב־געזאנגען.

2. ווען מען פאר'שיכור'ט זיך מיט ליב־געזאנגען שטימען ניט די מעשים מיט די רייד.

3. אייגענע ליב־געזאנגען פירן דעם מענטשן ארונטער פונעם גלייכן וועג.

4. דארפסט בעסערווארטן אז אנדערע זאלן דיך ליבן איידער דו אליין.

5. אז מ'ליבט זיך, צופיל, אליין הינקט עפעס אונטער.

6. ס'איז נאך מער פארדעכטיק, ווען מען באצוקערט די אייגענע ליב־געזאנגען מיט סענטימענטן.

7. אייניקע ליבן זיך צופיל אליין דאמיט יענעם צו פארשווארצן.

8. אייגענע ליב־געזאנגען ווארפן גיכער א שאטן אויפן מענטשן.

9. בעסער טאן שטילע־מעשים איידער שרייערישע ליב־געזאנגען צו זיך.

10. ווען דו ווערסט פארדינען ליב וועט מען עס דיר אונטערטראגן — אבער פארמייד דיך צו ליבן אליין.

11. ווען יענער אורטיילט דיך ניט ריכטיק, האב בעסער געדולד — און ליב דיך ניט אליין.

12. ס'זיינען פֿאַראַן גוטע מעשׂים וואָס נעמט צייט פֿאַר אַנדערע זיי אָפּצושאַצן, אָבער אייל דיך ניט מיט דיינע אייגענע ליב־געזאַנגען.

13. מיט די אייגענע ליב־געזאַנגען פֿאַרשוועכט מען אַפֿילו גוטע מעשׂים.

14. דער וואָס ליבט זיך, צופֿיל, אַליין, וויל עפּעס פֿאַרדעקן.

15. דער וואָס ליבט זיך צופֿיל אַליין, האָט ניט אַלעמאָל קיין גוטע מחשבה דערביי.

16. גוטע טאַטן שאַצן אָפּ אַנדערע, באַלד אָדער מיט דער צייט.

17. ס'איז אַ סך מאָל שעדלעך יענעם צו באַשיטן מיט צופֿיל ליב־געזאַנגען, און ס'איז נאָך מער שעדלעך זיך אַליין צו באַשיטן מיט אייגענע ליב־געזאַנגען.

18. אַ סך אייגענע ליב־געזאַנגען איז אַ ביליקע רעקלאַמע.

19. דער וואָס ליבט זיך צופֿיל אַליין זעט ביי אַנדערע נאָר די שלעכטע זייטן.

20. אייגענע ליב־געזאַנגען זוכן צו פֿאַרדעקן יענעמס מעלות און אייגענע חסרונות.

21. די וואָס האָבן ליב זיך אַליין צו ליבן זייגען אַמאָל (צוליב סטראַ־טעגיע) גנעדיק, און וואַרפֿן אַריין אויך פֿאַר אַנדערע אַ שטיקל ליבגעזאַנג.

22. די וואָס האָבן גערן זיך אַליין צו ליבן, זיינען ביי זיך אַלעמאָל שטאַרק אין זייער גערעכטיקייט.

23. די וואָס האָבן גערן זיך אַליין צו ליבן מאַכן אפֿילו פֿון יענעמס צרות אַן אייגענע טוגנט.

24. די וואָס האָבן ליב צו הערן זייערע אייגענע ליב־געזאַנגען

פאַרגעסן גאָר אַז זייערע גרויסע טאַטן זיינען פשוט'ע מענטש־לעכקייט.

25. די וואָס ליבן זיך אַליין וואָלטן חשק געהאַט פאַר יעדער קליי־ניקייט כאָטש צו קריגן אַ מעדאַל.

26. די וואָס האָבן אַ שוואַכקייט צו ליבּ־געזאָגנגען ווילן שוין אריינ־כאַפּן יענעמס כבוד אויך.

27. די וואָס האָבן אַ שוואַכקייט צו אייגענע ליבּ־געזאָגנגען מאַכן פון יעדער מענטשלעכער קלייניקייט, וואָס זיי האָבן באַוויזן צו טאָן, אַ גרויסע טאַט.

28. די וואָס האָבן אַ שוואַכקייט צו אייגענע ליבּ־געזאָגנגען, געפינען שוין זייערע קרבנות.

29. די זעלבסט־ליבערס פירן ביי זיך אַ גענויעם חשבון פון אַלע זייערע „גוטע" מעשים.

30. די זעלבסט־ליבערס זוכן מיט פינטעלעך אַרויס יענעמס שוואַכ־קייטן און באַלייכטן „זיך" דערמיט.

31. די זעלבסט־ליבערס ווערן קיינמאָל ניט זאַט פון קאָמפּלימענטן.

32. מיט אַ זעלבסטליבער דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק אים ניט פוגע־בכבוד צו זיין.

33. אַ זעלבסט־ליבער, ווען איינער איז, חלילה, נוגע־בכבוד, ווערט דער האַס ביי אים קיינמאָל ניט אויסגעווישט.

34. אַ זעלבסט־ליבער קען ביי זיך ניט פועל'ן, אַפילו נאָך יענעמס תשובה, אינגאַנצן דעם כעס, צו יענעם, אויסצומעקן.

35. אַ זעלבסט־ליבער קען נאָר פאַר אייגענע טעות'ן געפינען איי־דעלע תירוצים אַלץ צו באַשיינען.

36. אַ זעלבסט־ליבער קען ביי זיך ניט פועל'ן יענעם אויך אַמאָל דן צו זיין לכף־זכות.

37. אַ זעלבסט־ליבער קען נאָר געפינען אַ זכות פאַר דעם וואָס איז נוגע אים אַליין און זיינע גאָר נאָענטע פריינט.

38. ביי אַ זעלבסט־ליבער איז דער צענטער פון אַלץ — טאַקע ער אַליין.

39. ווען אַ זעלבסט־ליבער שענקט יענעם אוועק אַ קאָמפּלימענט, וויל ער עס אויך צוריקקריגן.

40. די זעלבסט־ליבער ווייסן ווי צו פאַרפּוצן זייער גוטסקייט און צו פאַרשטעלן זייער שלעכטקייט.

41. די זעלבסט־ליבער מוזן אַלע זייערע קלענסטע, גוטע, טאַטן, באַגלייטן מיטן מויל — שוין אָפּגערעדט פון אַביסל אַ גרעסערע זאַך.

42. פון באַהאַלטן בשתיקה עפּעס אַ גוטע טאַט, ווייסט ניט דער זעלבסט־ליבער.

43. די זעלבסט־ליבערס ווילן האָבן פאַר זייערע גוטסקייטן דאָפּל באַצאָלט.

44. אַ זעלבסט־ליבער טאָר מען ניט פאַרטשעפּן זיינע „אמת'ן".

45. אַ זעלבסט־ליבערס גוטסקייט מוז יעדער אנערקענען — אַז ניט איז מען, חלילה, חוטא־בעגל.

46. אַ זעלבסט־ליבער איז אַ געפערלעכער האָסער.

47. אַ זעלבסט־ליבער בלאָזט־אויף יענעמס שוואַכקייטן און פאַרדעקט די אייגענע.

48. אַ זעלבסטליבער כאַפּט זיך אָן אָן יענעמס שוואַכקייטן.

49. אַ זעלבסט־ליבער האָט, לפנים־וועגן, אויך ליב צו באַדויערן אַ שוואַכערן און אומבאַהאָלפענעם.

50. ס'זיינען פאַראַן זעלבסט־ליבער, וואָס זייער שבח באַשטייט אין דעם, וואָס אַנדערע טוען נאָך וויניקער פון זיי.

51. ביי אייניקע מענטשן ווערט זייער גוטסקייט דערטרונקען אין אַ ים פון אייגענע ליב־געזאַנגען.

52. אַ מענטש וואָס האַלט זיך אין איין ליבן פאַר זיינע גוטע טאָטן פון נעכטן, פאַרגעסט גאָר, וואָס דער היינט מאָנט ביי אים.

53. מענטשן וואָס ליבן זיך אַליין, ווילן זיך אַ סך מאָל אַרויסדרייען פון זייערע פליכטן, מיט פאַרשוואַרצן יענעם.

54. מענטשן וואָס ליבן זיך אַליין זוכן, ס'רוב, נאָר אַ וועג ווי אַזוי פטור צו ווערן פון זייערע פליכטן, מיט עוולות־זוכענישן ביי יענעם.

55. אַ מענטש וואָס וויל זיך אַליין ניט ליבן, וויל בעסער, אַז זיינע טאָטן זאָלן ריידן פאַר אים.

56. אַ מענטש וואָס ליבט זיך ניט אַליין, האָט גאָרניט קיין פאַר־לאַנגען צו ליב־געזאַנגען, — ער דערפילט זיינע פליכטן, ניט ער „רעכנט" זיי.

57. אַ מענטש וואָס זעט אין טאָן גוטעס אַ פליכט איז אים גאָר נמאס צו הערן ליב־געזאַנגען.

58. אַ מענטש וואָס רעכנט ניט, בשעת'ן טאָן אַ גוטע זאַך, אויף ליב־געזאַנגען, זעט גאָר אין ליב אַ דעמאָראַליזאַציע.

59. ס'איז טאַקע פאַרדריסלעך ווען יענער באַשמוצט דיך בשעת דו מיינסט גוטעס, אָבער איבערטריבענע ליב־געזאַנגען זיינען אויך דערווידער.

60. מיט אַ לייכטן, פיינעם זשעסט קען מען אַמאָל אויסדריקן צו יענעם די בעסטע לויב־געזאַנגגען, — מער ווי ווערטער קענען עס זאָגן.

61. אַ „פלייצע־קלאַפּן־קאָמפּלימענט” און אַ „מויל־שרייערישער־קאָמפּלימענט” שטייען אויף איין ברעטל.

יא.

שרייערישע בעלי־טובות

1. די שרייערישע בעלי־טובות ווילן: אַלע זאָלן וויסן ווי גוט זיי זיינען.

2. די שרייערישע בעלי־טובות דערציילן איך מיט אַלע איינצלהייטן מכוח זייער גוטסקייט.

3. יעדע קליינע גוטסקייט פון אַ שרייערישן בעל־טובה ווערט ביי אים אַ גרויסע זאַך.

4. אַ שרייערישער בעל־טובה שרייט זיך אַליין איבער, ביז ער מיינט טאַקע אַז ער האָט שוין איבערגענוג געטאָן.

5. אַ שרייערישער בעל־טובה דאַרף זיך אויסשרייען פון איין טובה ביז דער צווייטער, און אַ שטילער בעל־טובה טראַכט ביי זיך: וואָס נאָך וואָלט ער געקענט טאָן.

6. אַ שרייערישער בעל־טובה פאַרלאַנגט אנדערקענונג פאַר זיין גוטסקייט און אַ שטילער בעל־טובה איז אַליין, פאַר זיך, צופרידן מיט זיינע טאָטן.

7. אַ שרייערישער בעל־טובה מאַכט נאָך, אַמאָל, פילן אומבאַקוועם, און אַ שטילער בעל־טובה מאַכט אייך פילן גוט.

8. אַ שרייערישער בעל־טובה וויל פאַר זיינע טובות קריגן באַצאָלט, און אַ שטילער בעל־טובה איז צופרידן מיט דער מאָראַלישער טואונג גופא.

9. אַ שרייערישער בעל־טובה שרייט אַרויס זיינע טאַטן און אַ שטילער בעל־טובה פאַרטיפט זיך אין זיינע טואונגען.

10. ווען אַ שרייערישער בעל־טובה ווערט ניט אָנדערקענט ווערט ער אין כעס, און אַ שטילער בעל־טובה זוכט גאָר ניט קיין אָנדער־קענונג.

11. אַ שרייערישער בעל־טובה זוכט אַרויסצוקוועטשן „יענעמס" געוויסן מיט זיינע גוטסקייטן, און אַ שטילער בעל־טובה האַלט זיך ביי זיין געוויסן.

12. אַ שרייערישער בעל־טובה זוכט אי כבוד אי געלד, אַ שטילער בעל־טובה האָט בײדע זאַכן ניט אין געדאַנק.

13. אַ שרייערישער בעל־טובה דראַמאַטיזירט זיינע טאַטן און אַ שטילער בעל־טובה טוט אַלץ פשוט.

14. אַ שרייערישער בעל־טובה גיט איין אַ צעטל פון זיינע גוטס־קייטן: נאַט און זעט!...

15. מיט דעם אויסרעכענען פון זיינע גוטסקייטן מיינט אַ שרייערי־שער בעל־טובה אַז ער האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן און פטור.

16. ווען אַ שרייערישער בעל־טובה האָט אַמאָל אַ דורכפאַל מיט זיינע גוטסקייטן גיט עס אים שוין אַ תירוץ מער קיין „גוטער" ניט צו זיין.

17. די שרייערישע בעלי־טובות ווילן אַז די „וועלט" זאָל וויסן ווי גוט זיי זיינען.

18. ווען שרייערישע בעלי־טובות קריגן ניט צוריק באַצאָלט פאַר זייער גוטס, באַשליסן זיי באַלד אַז — ס'לוינט ניט צו זיין גוט!

19. די שרייערישע בעלי־טובות זעען זיך אַלס מאַרטירער, ווען מ'אנערקענט ניט זייער גוטסקייט.

20. אַז אַך און ווײ איז צו דעם וואָס דערלויבט זיך אַביסל צו קרי־טיקירן אַ שרייערישן בעל־טובה.

21. אַ שרייערישער בעל־טובה ווערט דעמאָלט אַמביציעז ווען אַן אַנדערער פאַנגט אָן עפּעס צו טאָן.

22. אַ שרייערישער בעל־טובה וויל אויך אַריבערשרייען אַן אַנדערנס גוטסקייט.

23. אַ שרייערישער בעל־טובה וויל פאַרטונקלען יענעמס גוטסקייט.

24. אַ שרייערישער בעל־טובה זעט אַלעמאָל אַז נאָר „יענער" טוט ניט געַנוג גוטס.

25. ביי אַ שרייערישן בעל־טובה איז נאָר דער אַ פריינט, ווער עס גיט אים אָפענע קאָמפּלימענטן — און מיט אַ ברייטער האַנט.

26. אַ שרייערישער בעל־טובה זוכט אַרויס יענעמס חסרונות, אום אַליין צו דערשיינען אין אַ בעסערן ליכט.

27. אַמאָל גיט, כלומר'שט, אַ שרייערישער בעל־טובה יענעם אויך אַ געלעגנהייט צו זיין אַ „גוטער".

28. אַ שרייערישער בעל־טובה איז קיינמאָל ניט אויסגעהאַלטן.

29. איידער אַ שרייערישער בעל־טובה קריגט אַרויס פון יענעם זיין „פאַרדינטן" קאָמפּלימענט — איז יענער אַ גאַרניט.

30. אַ שרייערישער בעל־טובה איז אייליק צו געבן אַ שלעכטע מיי־נונג איבער אַלץ און אַלעמען.

31. אַ שרייערישער בעל־טובה איז זייער פאַמעלעך, אויסגערעכנט, ווען ס'קומט יענעם צו טאָן עפּעס גוטעס.

32. אַ שרייערישער בעל־טובה האָט זיך שוין זיין אויסגעאַרבעטן סיסטעם ווי צו האַלטן זיין טאָן — אַז ס'זאָל יענעם „נעמען".

33. אַ שרייערישער בעל־טובה נעמט זיך אַליין זייער ערנסט.

34. אַ שרייערישער בעל־טובה פֿאַרגעסט קיינמאָל ניט אין זיך אַליין.

35. אַ שרייערישער בעל־טובה ווערט שנעל אויפגערעגט, אָבער ניט אַזוי שנעל אויפגעלייגט.

36. ביי אַ שרייערישן בעל־טובה איז זיין גוטסקייט אַלע מאָל אויף אַן אויסשטעלונג, ווי בילדער פֿון אַ מאָלער.

יב.

גאוה

1. גאוה מאַכט ביטער דאָס אייגענע לעבן.

2. אַ בעל־גאוה דענקט, אַז יעדער איז אים עפּעס שולדיק.

3. די גרעסטע טראַגעדיע פון אַ בעל־גאוה איז צו ווערן אויסגעחוזק׳ט.

4. אַ בעל־גאוה רעדט זיך איין, אַז ער באַשיינט די וועלט.

5. אַ בעל־גאוה אָן כבוד איז אַזוי ווי אַ מענטש אָן לופט.

6. אַ בעל־גאוה׳ן פּאַסט ניט צו לאַכן (אָדער: קען ניט לאַכן) מיט אַ פולן געלעכטער.

7. אַ בעל־גאוה מיינט, אַז ער האָט אַלעמאָל דער וועלט עפּעס וואָס צו זאָגן וויכטיקעס.

8. אַ בעל־גאוה, אַפילו ווען ער פאַרלירט, מאַכט ער דעם אָנשטעל אַז ער האָט גאָר געוואונען.

9. אַ בעל־גאוה „רעדט" ניט אַרויס קיין ווערטער — נאָר „בלאָזט" פון זיך ווערטער.

10. ווען אַ בעל־גאוה האָט אַ דורכפאַל, האַלט ער עס בסוד.

11. ווען אַ בעל־גאוה האָט אַ דערפאָלג לעכצט ער אַז יעדער זאָל פון דעם וויסן.

12. ווען איינער שטאָלצירט מיט זיין יחוס איז אַ סימן, אַז ער אַליין איז אַ גאָרניט.

13. צו יחוס־עצמו קען מען זיך אַרויפאַרבעטן מיט שוויס, ניט מיט גאוה.

14. ווען איר שלאָגט אַ בעל־גאוה, וועט ער אייך אַ טובה טאָן — און געבן אַ שמייכל.

15. אַ שמחה און אַ טרויער האָט ביי אַ בעל־גאוה תמיד דאָסזעלבע פּנים.

16. אַ בעל־גאוה מאַכט זיך אַליין פאַר אַ טמא, ער וויל ניט מ׳זאָל אים אָנרירן.

17. הייליקייט מיט גאוה זיינען ניט קיין מחותנים.

18. מיט אַ בעל־גאוה קען מען ניט האַלטן קיין וויכוח.

19. אַ בעל־גאוה וויל נאָר מ׳זאָל אים הערן, ניט ער זאָל יענעם אויסהערן.

20. אַז צוויי בעלי־גאוות קומען זיך צוזאַמען זעען זיי אויס ווי צוויי אינדיקעס פאַר אַ געשלעג.

21. פון בעלי־גאוות קען מען קיין מנין ניט צוזאַמענשטעלן.

22. אַ בעל־גאוה טוט דיר אַ טובה, ווען ער ענטפערט דיר.

23. אַ בעל־גאוה זעט ניט וויטער פון זיך אַליין.

24. ווען אַ בעל־גאוה דאַרף אייך עפּעס פרעגן, וועט ער עס מאַכן ווי ער וואָלט אייך עפּעס נאָר געזאָגט.

25. ס׳איז אַ שווערע זאַך ביי אַ בעל־גאוה עפּעס צו לערנען.

26. פון אַן אומוויכטיקער זאַך מאַכט אַ בעל־גאוה אַ וויכטיקן ענין, ווען ער האָט נאָר אַ חלק דערין.

27. אַ בעל־גאוה׳ס שלום־עליכם איז מיט די שפּיץ־פינגער.

28. אַן אָרימען בעל־גאוה'ניק קען מען בלויז באַדויערן; אַ רייכן בעל־גאוה'ניק דאַרף מען פאַראַכטן.

29. אַ בעל־גאוה איז געגליכן צו אַן אייז־קאַסטן.

30. שווייגן איז ניט קיין סימן פון אַ בעל־גאוה.

31. מ'קען זיין אַ שטילער, איינגעהאַלטענער מענטש גיכער פון עניוות ווי פון גאוה.

32. אַ בעל־גאוה, וואָס האָט אַ שוואַכקייט צום ריידן, וואָלט אַלעמאָל געוואָלט זיין אי דער ערשטער, אי דער לעצטער און אי דער מיטעלער.

33. יעדער בעל־גאוה'ניק איז אייגנאַרטיק אויף זיין שטייגער, אָבער אינעם כאַראַקטער זיינען זיי אַלע גלייך .

34. ביי אַ בעל־גאוה איז אונטער זיין כבוד צו טאָן „אָבי־וועמען" אַ טובה, ס'איז אויך אונטער זיין כבוד צו קריגן פון אַבי־וועמען אַ טובה, אָבער ס'איז אויך אונטער זיין כבוד צו טאָן „בידים" אַבי־וועמען עפּעס שלעכטס.

35. אַ בעל־גאה איז בכלל אַ מאָדנע בריאה.

יג.

להכעיס

1. אַ צו־להכעיס׳ניק איז דער וואָס וויל יענעם אַריינברענגען אין כעס אָדער וויי טאָן.

2. אַ צו־להכעיס׳ניק איז אַמאָל אַליין אַ כעסן און אַמאָל גראָד אַ שטילינקער, וואָס גראָבט אונטער יענעם.

3. אַ צו־להכעיס׳ניק טוט, מיט כוונה, פאַרקערט פון דעם וואָס יענער דערוואַרט פון אים.

4. אַ צו־להכעיס׳ניק האָט אַ סאַדיסטישע הנאה ווען ער טוט גראָד פאַרקערט.

5. אַ צו־להכעיס׳ניק טוט אַ זאַך אויסגערעכנט לויט זיין נאַרישן שכל.

6. אַ צו־להכעיס׳ניק האָט בייזע כוונות.

7. אַ צו־להכעיס׳ניק טוט מייסטנס קרומע זאַכן פאַרוויקלט מיט אַ פרומען שלייער.

8. ווען אַ צו־להכעיס׳ניק טוט שוין זאַכן אָפן, איז ער, מער ווי־ ניקער זיכער מיט אַ דערפאָלג, אָדער ער איז ממש גאָר פון זינען אַראָפּ, רחמנא ליצלן.

9. אַ צו־להכעיס׳ניק האָט הנאה ווען ער טוט יענעם וויי.

10. אַ צו־להכעיס׳ניק זעט זיין דערפאָלג אין יענעמס שאָדן.

11. אַ צו־להכעיס'ניק איז מער פאַראינטערעסירט אין יענעמס שאָדן ווי אין אייגענעם נוצן.

12. אַ צו־להכעיס בין־אדם־לחברו איז אַ שלעכטסקייט און צו־להכעיס בין אדם למקום איז אַ נאַרישקייט.

13. אַ צו־להכעיס'ניק טוט זיך, מייסטנס, אַליין שאָדן.

14. ביי אַ צו־להכעיס'ניק אַרבעט דער שכל פאַרקערט.

15. אַ צו־להכעיס'ניק קען ניט זען מיטן גראַדן שכל.

16. אַ צו־להכעיס'ניק שווימט אַרום אין זיינע קרומע פאַנטאַזיעס.

17. ווען אַ צו־להכעיס'ניק טוט יענעם שאָדן איז עס ביי אים אַ געווינס.

18. אַ צו־להכעיס'ניק איז מייסטנס אַ פאַרביטערטער.

19. אַ צו־להכעיס'ניק האָט זיך זיין צעדרייטע לאָגיק.

20. אַן אָפענער להכעיס'ניק איז ביי זיך מער זיכער.

21. אַ באַהאַלטענער צו־להכעיס'ניק איז אין צווייפל אין זיין זי־כערקייט.

22. אַן אָפענער צו־להכעיס'ניק וויל אַז מ'זאָל וויסן פון זיין טואונג.

23. אַ באַהאַלטענער צו־להכעיס'ניק לאָזט נאָך איבער אַן אָפענע טיר.

24. אַן אָפענער צו־להכעיס'ניק איז אָדער אַ רשע אָדער אַ כעסן — אָדער גאָרביידע זאַכן.

25. אַ באַהאַלטענער צו־להכעיס'ניק איז אָדער אַ רשע אָדער צע־רודערט.

26. אין אַ כעס־צושטאַנד טוט מען צו־להכעיס קעגן דעם אייגענעם ווילן.

27. אַן אויסגעפּלאַנטער צו׳ל׳הכעיס קומט פון אַ ניט גאַנץ אָפּגעקילטן כּעס.

28. אין אַן אומגאַרמאַלן צושטאַנד קען מען אַמאָל זיך אַליין, בייז־ ווילִיק, טאָן שלעכטס — צו׳ל׳הכעיס יענעם.

29. אין אַן אומנאָרמאַלן צושטאַנד נעמט מען אַמאָל אַן יענעמס אומ־ שולדיקע האַנדלונג, פאַר אַ צו׳ל׳הכעיס.

30. אַ פאַרביסענער צו׳ל׳הכעיס׳ניק איז ניט דערוואַקסן.

31. אַ פאַרביסענעם צו׳ל׳הכעיס׳ניק דאַרף מען גיכער היילן, ווי אים באַצאָלן מיט דערזעלבער מטבע.

32. אַ צו׳ל׳הכעיס׳ניק מיט מאַכט איז אַ שלעכטער בעל־דבר.

33. אַ צו׳ל׳הכעיס׳ניק מיט מאַכט קלייבט זיך אַלעמאָל אויס אַ שוואַ־ כערן קרבן.

34. שפּילן די ראָלע פון אַ פּריינט און טאָן צו ל׳הכעיס בשתיקה איז זיכער ניט פון די שיינע מעשים.

35. צו טאָן צו׳ל׳הכעיס אַ צאַפּלדיקן קרבן דאַרף מען זיין ערגער פון אַ חיה.

36. טאָן צו׳ל׳הכעיס איז איינע פון די ערגסטע מידות וואָס נאָר דער מענטש באַזיצט.

37. אַז איינער טוט עמיצן צו׳ל׳הכעיס בלייבט ביי אים ניט קיין רואיק געוויסן.

38. צו טאָן אַ זאַך צו׳ל׳הכעיס און נאָכדעם שפּילן אַן אומשולדיקע ראָלע קען נאָר אַ היפּאָקריט.

39. אַן אמת ערלעכער מענטש דאַרף זיך צוריקהאַלטן פון וועלן טאָן עפּעס עמיצן צו׳ל׳הכעיס.

40. מיט צו׳להכעיס טאָן יענעם דעמאָראַליזירט מען זיך אַליין.

41. איידער מ׳גייט עפּעס טאָן אַ זאַך קעגן יענעם דאַרף מען ביי זיך קלאָר מאַכן וואו האַלט עס מיט דער מאָראַלישער זייט פון דער האַנדלונג, און דעמאָלט וועט מען ניט טאָן קיין צו׳להכעיס.

42. דאָס אָפּטאָן יענעם אַ זאַך צו׳להכעיס רופט אַרויס אַ קעגן־כעס און מ׳קען קיינמאָל ניט וויסן ווער וועט אַרויסקומען דער פאַר־לירער צום סוף.

43. צו טאָן זאַכן אויף צו׳להכעיס איז מער אַ קראַנקייט, ווי אַ נאָרמאַלע האַנדלונג.

44. אומנאָרמאַלע מענטשן זיינען גענייגט צו טאָן זאַכן אויף צו׳־להכעיס.

45. אַן אמת־ערלעכער מענטש קען אַמאָל אויך געשטרויכלט ווערן מיט אַ צו׳להכעיס־טאַט און מ׳דאַרף זיך היטן.

46. חרטה האָבן אויף אַ צו׳להכעיס־טאַט איז אַ שריט צו ווערן אַ בעסערער מענטש.

47. ווען איינער וויל נאָך רעכטפאַרטיקן אַ באַוואוסטזיניקע צו׳־להכעיס־טאַט פירט עס אים ווייטער צו ערגערע מעשים.

יד.

היסטעריע אָדער אַפּאַטיע

1. היסטערישע וואַרעמקייט קען זיך ענדיקן אַפּאַטיש־קאַלט.

2. אין אַ היסטערישן צושטאַנד אַרבעט דער אימפּולס מער ווי דער שכל.

3. ווען איר קענט זיך קאָנטראָלירן: זייט ניט היסטעריש און פאַרלירט ניט דאָס גלייכגעוויכט.

4. „זיי־ניט־היסטעריש" איז אַזוי ווי זאָגן יענעם „זיי־ניט־קראַנק" — אָבער ס'איז דאָך, אַמאָל, אַ קרענק וואָס מ'נעמט זיך אַליין.

5. אַן אַפּאַטישע קאַלטקייט צו יענעם איז טאַקע ניט פון די בעסטע זאַכן, אָבער אַ היסטערישע וואַרעמקייט איז אויך ניט פון די גאָר גוטע מעלות.

6. יישוב־הדעת מיט וואַרעמקייט איז אַ בעסערע פּאָר, ווי היסטעריע מיט וואַרעמקייט.

7. מיט אַ היסטערישן מענטשן קען מען אַמאָל סימפּאַטיזירן, אָבער עס איז שווער עס צו טאָן מיט אַן אַפּאַטישן מענטשן.

8. אין אַ געוויסן זין איז אי היסטעריע אי אַפּאַטיע אַ ניט־נאָרמאַלע דערשיינונג.

9. איז מען פעאיק צו דענקען ווערט מען ניט אַזוי שנעל ניט היסטעריש און ניט אַפּאַטיש (נאַטירלעך אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן).

10. אַ סיכסוך בין־אדם־לחברו קען קיין היסטעריע און קיין אַפּאַ־טיע ניט אויסגלייכן.

11. אַ היסטערישע האַנדלונג (בין־אדם־לחברו) איז אַלעמאָל פאַר־בונדן מיט אַ שטיקל אומבאַרעכטיקטן כעס .

12. ווען מ׳האַלט זיך צוריק פון היסטערישע האַנדלונגען זעט מען ערשט נאָכדעם דעם בעסערן רעזולטאַט.

13. היסטערישע גוטע האַנדלונגען קענען אַמאָל זיין אַזוי שעדלעך ווי היסטעריש שלעכטע האַנדלונגען.

14. ווער ניט הינגעריסן פון היסטעריקע, און דענק מיט שכל־הישר.

15. אין אַן אומגליקספאַל קען מען מיט מאָראַל־פּרעדיקן די היסטע־ריקע ביי יענעם ניט אַוועקנעמען.

16. ווערט איינער אַפּאַטיש צוליב אומשטענדן, דאַרף מען בעסער געפינען די אורזאַכן דערפון איידער צו קריטיקירן אים.

17. אַ היסטעריקער איז געצוויגט מורא צו האָבן פאַר דער ניט באַגרינדעטער מורא.

18. צווישן מענטשן איז פּראָווען היסטעריקע ניט נויטיק און צווישן אוממענטשן העלפט ניט קיין היסטעריקע.

19. ווען מע געוואוינט זיך צו צו יענעמס היסטעריקע פאַרלירט מען, מיט דער צייט, דאָס ביסל סימפּאַטיע, וואָס מ׳האָט צו יענעם געהאַט.

20. היסטעריקע נעמט אַוועק דעם שכל׳דיקן לשון און די שכל׳דיקע האַנדלונג.

21. בוי ניט דיין אורטייל אויף היסטערישע אויסברוכן.

22. צו ווערן אימפּולסיוו צוליב דעם אַנדערנס ליידן, מאַכט דעם מענטשן מאָראַליש העכער — אָבער ניט אַלעמאָל בעסער .

23. צו ווערן היסטעריש צוליב קליינלעך־עגאָאיסטישע אורזאַכן, מאַכט דעם מענטשן נידעריקער.

24. מיט גוטע טאַטן דריקט מען אויס מער סימפּאַטיע צו יענעם, ווי מיט היסטעריקע.

25. ניט צו ווערן היסטעריש, אַפילו ביי אומגעוואוינלעכע געשעע־נישן, מיינט נאָך ניט אַז דער מענטש איז אַ קאַלטבלוטיקער.

26. ביי אייניקע מענטשן אַרבעט דער גראַדער שכל מער ווי דער אינסטינקטיווער היסטערישער אויסברוך.

27. אַ פאַלשער היסטערישער אויסברוך איז ווי אַ שלאָס אין דער לופטן.

28. ניט אַלעמאָל זיינען היסטערישע סימפּאַטיע־געשרייען אַ סימן פון אמת'ער פריינטשאַפט.

29. פּרובירט ניט איבערשרייען, היסטעריש, אַן אמת־לײדנדיקן.

30. אַ שטענדיקער היסטעריקער קען זיך אַמאָל שאַפן סימפּאַטיע, אָבער ניט אמת'ע פריינטשאַפט.

31. אַ היסטערישער אויסגעשריי ווירקט אַמאָל אויף דער אותו־ער מינוט, אָבער ניט אויף שטענדיק.

32. אַמאָל מאַכט היסטעריקע אַן איבערברוך אין גאַנצן אַרט דענקען: פאַר איינעם צום גוטן און פאַר דעם אַנדערן צום שלעכטן.

33. היסטערישע פרייד קומט פון אַן אַפּאַטישן מענטשן אַרויס ניט נאַטירלעך.

34. אַן אַפּאַטישן מענטשן איז אַלעמאָל פרעמד יענעמס צער.

35. ביז אַן אַפּאַטישער מענטש קריגט ניט קיין אייגענע אויפטרייס־לונג זעט ער אַלץ צו ביי יענעם קאַלטבלוטיק.

36. אַן אַפּאַטישער מענטש איז קאַלט אי צו פרייד אי צו לייד.

37. אַן אַפּאַטישער מענטש האַלט אויפגעשטעלט אַ קאַלטן צאַם אַרום זיך.

38. אַן אַפּאַטישער מענטש איז ניט געניגט צו פאַנטאַזירן.

39. אַן אַפּאַטישער מענטש זעט אין יעדן נאַר דאָס חיה׳שע.

40. אַן אַפּאַטישער מענטש טראָגט אַלעמאָל שוואַרצעברילן אויף די אויגן.

41. אַן אַפּאַטישן מענטשנס וויזיעס זיינען פאַרנעפּלט.

42. פון אַן אַפּאַטישן מענטשן בלאָזט אַ קאַלטקייט.

43. פון אַן אַפּאַטישן מענטשן קען מען קיין באַגייסטערונג ניט קריגן

44. אַן אַפּאַטיקער שפּילט די ראָלע פון אַ נאָרמאַלן מענטשן, אָבער איז, אין תוך, גייסטיק צעדרייט.

45. אַן אַפּאַטיקער האָט זיך זיין קאַלטע אויסרעכנונג, קאַלטע לאָגיק.

46. אַן אַפּאַטיקער קען זיך אַליין ניט אָנוואַרעמען און אַן אַנדערן אוודאי ניט.

טו.

היסטעריקע

1. אַ היסטעריקער זעט אַלע זאַכן, אינעם לעבן, אַנדערש ווי אַ נאָרמאַלער מענטש.

2. אַנדערע זיינען היסטעריש אין איין זאַך און נאָרמאַל אין אַנדערע זאַכן.

3. אַ היסטערישער מענטש מאַכט זיך און יענעם אומבאַקוועם.

4. זאַכן וואָס זיינען ביי אַנדערע אַ געוועגלעכע דערשיינונג זעען אויס ביי אַ היסטעריקער — אָדער צו ליכטיק אָדער צו שוואַרץ.

5. אַ היסטערישער מענטש מאָלט אַלץ לויט זיין קראַנקער פאַנ־טאַזיע.

6. אַזוי ווי עס איז ניט גוט צו באַהאַנדלען אַלץ אייז־קאַלט אַזוי איז נאָך ווייניקער גוט צו נעמען זאַכן הייס־היסטעריש.

7. פאַר יעדער קלייניקייט האָט אַ היסטערישער מענטש אַנדערע אויסטייטשונגען.

8. אַ מורא באַהערשט אַ היסטערישן מענטשן.

9. דאָס ניט טרויען האָט אַ גרויסן חלק אין היסטעריע.

10. מענטשן וואָס זעען אַלץ שוואַרץ האָבן אַ נייגונג צו היסטעריע.

11. מענטשן וואָס זיינען צופיל האַפערדיק, ווערן היסטעריש ביי אַ פשוט'ן דורכפאַל.

12. אַ היסטעריקער ווייזט זיינע סימפּטאָמס אין פרייד און אין לייד.

13. היסטעריקערריידן ניט, נאָר שרייען מיט האַרץ.

14. הילפלאָזע איינגעשפּאַרטקייט מאַכט דעם מענטשן היסטעריש.

15. היסטערישע מענטשן מיינען, אַמאָל, גוט און דאָך קומט עס אויס שלעכט.

16. ווי אַזוי היסטעריקער זאָלן זיך ניט פאַרלייגן אויף יענעמס נערוון בלייבן זיי נאָך אַלץ די מאַרטירער.

17. היסטעריקער זעען די קלענסטע שפּרינקעלעך ביי יענעם, אָבער זעען ניט זייער אייגענעם פלעק.

18. אַנדערע מאַכן גאָר זייער היסטערישקייט פאַר אַ טוגנט.

19. היסטעריקער איז שווער צו איבערצייגן, — זיי מוזן זיך אַליין איבערצייגן.

20. היסטעריקע איז אַ פאַר׳עקשנ׳טע קרענק.

21. היסטעריקער ליידן אַליין און מאַכן אַנדערע צו ליידן.

22. פאַלשע סענטימענטן זיינען, מייסטנס, די אורזאַך פון היסטעריקע.

23. היסטעריקער קענען אין איין רגע זיין גוט צו דיר ווי אַ מלאך, און אין דער צווייטער רגע שלעכט ווי דער טייוול, — און ביידע מאָל מיט דעם זעלבן ערנסט.

24. יעדער היסטעריקער ציט זיך זיין יניקה פון אַ געוויסער איינ־ריידעניש.

25. ס׳איז אָך און וויי צו דעם, וואָס נעמט ניט אַ היסטעריקער אַזוי ערנסט, ווי ער וויל מ׳זאָל אים נעמען.

26. אַ היסטעריקער זעט נאָר זיך אַליין און די וואָס שטימען איין מיט אים.

27. אַ היסטעריקער זעט כסדר די גערעכטיקייט אויף זיין זייט.

28. אַ היסטעריקער אורטיילט נאָר לויט זיינע אייגענע געפילן.

29. אַ היסטעריקער לאָזט זיך פירן פון זיינע אימפּולסן — ניט פונעם שכל.

30. ס'זיינען דאָ היסטעריקער וואָס ריידן גראָד לאָגיש אַפילו פון אַ ניט־לאָגישער האַנדלונג.

31. עס איז שווער צו באַשטימען וועלכע טאַטן פון אַ מענטשן זיינען דער רעזולטאַט פון היסטעריע, אָדער גאָר איבעררעכנונג.

32. אַ סך גוטע־און־שלעכטע־זאַכן ווערן אָפּגעטאָן אין דער צייט פון היסטעריע.

33. היסטעריקער זעען אייגענע צרות מיט אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז, און פרעמדע צרות מיט אַ פאַרקלענערונגס־גלאָז, און בנוגע גוטע זאַכן זעען זיי פאַקערט.

34. היסטערישע מענטשן זיינען דערפינדעריש אויף זייער שטייגער — יענעם צו דערגיין די יאָרן.

35. אַ היסטעריקער האָט אַ רייכע פאַנטאַזיע אָבער אַן אָרימען שכל־הישר.

36. היסטעריקער באַזיצן דראַמאַטישע נאַטורן.

37. די הויפּט צרה איז מיט די היסטעריקער וואָס זיי ווילן אַז אַלע זאָלן טאַנצן ווי זיי שפּילן.

38. ניט איין טראַגעדיע קומט פאָר צוליב פאַר'עקשנ'טער היסטעריע.

39. מייסטנס ליידן היסטעריקער אַליין מער פון אַלעמען.

40. היסטעריע איז אַ קראַנקייט וואָס קומט צו יעדן דורך אַנדערע אומשטענדן.

41. ווען דער מענטש באַפרייט זיך פון היסטעריע זעט ער ערשט דאָס לעבן אין אַן אַנדער פאָרם.

42. ניט אַלע פיזיש־געזונטע מענטשן קענען אויסמיידן היסטעריע־פאַלן.

43. און ניט אַלע פיזיש־שוואַכע האָבן אַ נייגונג צו היסטעריע.

44. היסטעריע מאַכט אַ קלוגן מענטשן צום נאַר.

45. היסטעריקער ווילן זיך בעסער אַליין רואיגירן, אַבי אויסצופירן זייער קרענקלעכע עקשנות.

46. היסטעריקער האָדעווען ביי זיך שנאת־חינם.

47. אַפילו היסטעריקער האָבן ביי זיך גרייט אַ מאָראַלישע באַרעכטיקונג פאַר זייערע מעשים — נאָר אויף זייער אייגענעם שטייגער.

48. זייער זעלטן טרעפט, אַז אַ היסטעריקער זאָל צוגעבן, אַז ער איז פולשטענדיק אומגערעכט.

49. ביי אַ היסטעריקער באַמבלט זיך עפּעס אין זיין מוח, אַז ער איז אַלעמאָל דער גערעכטער.

50. בייזוויליקייט קען אַרויסרופן אַן אויסברוך פון היסטעריע ביי אַ נאָרמאַלן מענטשן אויך.

51. ניט טאַקטישע האַנדלונגען איז אַ פאָרשפּיל צו אַ היסטערישן אויסברוך פון צד־שכנגד.

52. היסטערישע נאַטורן האָבן אַ גאַנץ ברייט פעלד, אַרום זיך, פאַר זייערע מעשים.

53. וואָס פאַר איינעם איז ליכטיק איז פאַר אַ היסטעריקער טונקל, — און ער לעבט אין זיין אייגן וועלטל.

54. אַ היסטעריקער גראָבט אַרויס פּריטשעפּקעס פון אונטער דער ערד.

55. אַנדערע היסטעריקער האַנדלען היסטעריש בלויז אין אַ געווי־סער סביבה, אויסער דער סביבה האַנדלען זיי גאַנץ נאָרמאַל.

56. אַ היסטעריקער פֿאַלט שווער, מייסטנס, פאַר אַ נאָענטן.

57. אַ היסטעריקער קען זיך גאַנץ גוט פאַרדעקן, פאַר פרעמדע, מיט אַ קילן שלייער.

58. צווישן אייגענע שפּילן היסטעריקער אויף אַ הויכער אָקטאַווע און צווישן פרעמדע שפּילן זיי פּיאַניסימאָ.

59. היסטעריקע איז נאָר איין שטאַפּל צו משוגעת.

60. ווען היסטעריקע ווערט אַ שטענדיקע קראַנקהייט דאַרף מען עס נעמען גאַנץ ערנסט.

61. אַ היסטעריקער גיט, מייסטנס, צו אַ „קדושה" צו זיינע סצענעס.

62. אַ היסטעריע פון קדושה האָט נאָר דאָמאָלסט אַ באַרעכטיקונג ווען עס באַקעמפּט ווירקלעך די טומאה, — ניט בשעת זי נערט זי.

63. אַ היסטעריקער מוז געפינען אַ קרבן פאַר זיינע אויסברוכן.

64. פון יענעמס אַן אומשולדיקער האַנדלונג, מאַכט אַ היסטעריקער אַ גאַנצע טראַגעדיע פאַר זיך.

65. שטענדיקע היסטעריקער לעכצן אייגנפאַך נאָך עוולות.

66. יעדע שטיקעלע מינדערוויכטיקע עוולה, גיט אַ היסטעריקער אַ געלעגענהייט צו קומען צום אויסברוך.

67. אַ היסטעריקער וואַרט ניט אויף יענעמס שכל'דיקע דערקלע־רונג, נאָר שפּילט צוערשט אָפּ זיין סצענע.

68. אחר־המעשה בויט אַ היסטעריקער ערשט אויף אַ שכל'דיקע טעאָריע פאַר זיינע אַקטן.

69. די היסטעריקער, מיט זייערע מעשים שאַפן פאַר זיך אַ פאַר־עקשנ'טען צוועק.

70. אַפילו ווען אַ היסטעריקער לאָזט אַפּ אויף דערווייל, מיינט עס נאָך ניט אַז ער גיט צו זיין אומגערעכט זיין.

71. די היסטעריקער האָבן אויך אַ חוש ווי אַזוי אָנצוגיין מיט זייער סחורה.

72. די היסטעריקער באַשולדיקן קיינמאָל ניט זיך פאַר זייער אייגענעם חלק שאָדן אין אַ זאַך, ווען זיי האָבן עס אויף וועמען אַרויפ־צולייגן.

73. היסטעריקע האָט פיזיאָלאָגישע און פסיכאָלאָגישע אורזאַכן.

74. פשוט'ע זאַכן צו געווינען דורך היסטעריע איז אַ מאָראַלישער פאַרלוסט.

75. פאַנאַטיזם און היסטעריע זיינען ברודער און שוועסטער.

76. פשוט'ע רשעות איז אויך אַ גרויסער מחותן מיט היסטעריע.

77. מיט רשעות פאַרשאַפט מען זיך היסטעריע, — און דורך רשעות ברענגט מען יענעם צו היסטעריע.

78. כעס און אומבאַהאָלפנקייט ברענגען אויך צו היסטעריע.

79. היסטעריע איז, מייסטנס, אַן אייגענער פּראָדוקט, און עסט אויף זיך אַליין.

טז.

חניפה

1. חניפה דעמאָראַליזירט דעם מענטשן.

2. ווען איינער פּראַקטיצירט חניפה מוז ער שוין אויך זאָגן ליגנס.

3. וויל מען פון איינעם אַ טובה און מען לויבט אים דעריבער איז עס חניפה.

4. ווען איינער טוט דיר אַ טובה נאָר דעמאָלט ווען דו חנפ'עסט אים איז יענעמס כוונה דיך צו דערנידריקן.

5. אַ טובה דאַרף מען טאָן אָן שום באַלוין מיט חניפה.

6. דער וואָס פאַרלאַנגט פון יענעם חניפה איז אויך פּעאיק דעם אייגענעם שטאָלץ מיט חניפה צו בויגן.

7. ווען איינער פּראַקטיצירט חניפה שטעלט ער זיך אַליין בידרי־קער פון אַ פּיר־פּיסיקן הויזפּריינט.

8. אַ פּיר־פּיסיקע חיה פּראַקטיצירט איר חניפה ערלעך, אינסטינק־טיוו, און אַ צוויי־פּיסיקע חיה טוט עס פאַלש, אויסגערעכנט.

9. אַ חונף וואָס בייגט זיך אין דרייען, האָט שוין אינגאַנצן פאַר־לוירן זיין צורת־אדם.

10. בעטן ביי יענעם אַ טובה איז מענטשלעך, אָבער מען מוז עס ניט באַגלייטן מיט חניפה.

11. אַן אמת'ער מענטש דאַרף ניט יענעם חנפ'ענען און ניט אָננע־מען קיין חניפה.

12. דורך חניפה פארלירט מען די מענטשלעכע ווערדע.

13. אן אמת'ער מענטש וויל אליין ניט ווערן גע'חנפ'עט, און וועט יענעם ניט חנפ'ענען.

14. אז מען אנערקענט יענעמס גוטע טאט, מיינט נאך ניט אז ס'איז חניפה.

15. א מענטש מיט א גוטן חוש דערפילט שוין וואס עס איז אמת'-דיק און וואס עס איז חניפה.

16. א בעל־גאווה שטעלט זיך העכער ווי ער איז און א חונף שטעלט זיך נידריקער, ווי ער דארף זיין.

17. אן אמת'ער מענטש דארף ניט אנקומען צו חניפה.

18. האסטו צו טאן מיט אן אויפריכטיקן מענטשן דארפסטו ניט חנפ'ענען, און ביי אן אוממענטשן העלפט אפילו קיין חניפה אויך ניט.

19. אפילו ביי פיקוח־נפש איז נאך אלץ א פראגע צי נידריקע חניפה וואלט העלפן ביי אן אוממענטש.

20. אפילו ווען דו פארלירסט אויסמיידנדיק חניפה, בלייבסטו כאטש ביי דיין כבוד.

21. אן ערלעכער מענטש וועט באמערקן דיינע גוטע כוונות אן חניפה.

22. אנערקענען יענעמס גוטע מעשים איז שענער ווען דאס ווערט געטאן אן חניפה.

23. איבערזאלצן אן אנערקענונג מיט חניפה מאכט ביידע צדדים אויסזען לעכערלעך.

24. מיט חניפה קען מען ניט שאפן קיין אמת'ע פריינטשאפט.

25. ווען אַפילו די שטייסט נידעריקער פון יענעם, מיינט עס נאָך ניט אַז די דאַרפסט זיך נאָך מער דערנידריקן מיט חניפה.

26. מע דאַרף לויבן יענעמס גוטע מעשים — אָבער אָן חניפה.

27. ווען איינער האָט אַ פאַרלאַנג צו טאָן גוטעס, וועט ער עס טאָן אָן חניפה.

28. אַ שלעכטן מענטשן שטאַרקט מען מיט חניפה זיין ווילן, צו ווערן נאָך ערגער.

29. אָן ערלעכער מענטש וועט בעסער פאַרנעמען אַן ערלעכע קריטיק ווי היפּאָקריטישע חניפה.

30. ווייז ניט אַרויס דיין שוואַכקייט דורך חניפה.

31. אַפילו ווען איינער האָט ליב חניפה, קוקט ער אויך אויף דיר מיט חוזק, ווען די חנפ'עסט זיך צו אים.

32. מיט דיין חניפה באַפעסטיקט די יענעמס חוצפה.

33. חניפה שטעלט דיך און יענעם אין אַ נאַרישער לאַגע.

34. אַ בעל־חניפה איז קיינמאָל ניט אויסגעהאַלטן.

35. ווייזט דער גע'חנפ'עטער אַרויס שוואַכקייט קען דער חונף ווערן זיין גרעסטער אכזר.

36. מ'קען אַמאָל פּראָווען חניפה מאַכנדיק זיך כלומר'שט שטאָלץ.

37. אַ חונף איז מגזם אומגעלומפּערט יענעמס גרויסקייט.

38. אַ חונף האָט ניט קיין חוש פאַר בושה.

39. צו אַ שוואַכערן איז אַ חונף ברוטאַל.

40. די ערד האַלט צוריק אַ חונף פון בייגן זיך נאָך נידריקער ווי ער וואָלט געוואָלט.

41. אַ חונף לעבט אויף יענעמס שיריים.

42. אַ חונף איז ליסטיק און נאַריש.

43. חניפה איז דאָס געצייג (אָדער געווער) פונעם נאַר.

44. מאַכן יענעם פילן גוט, אָן אַנדערע הינטערגעדאַנקען, הייסט ניט חניפה.

45. בכדי צו אויפמונטערן אַ דערשלאָגענעם מעג מען איבערטרייבן, כאָטש דאָס איז די אייגנשאַפט פון חניפה.

46. חניפה איז אַמאָל אַ נעץ.

יז.

צביעות און חניפה

1. ווען איינער מאַכט דעם צווייטן אַ דרייגאַרנדיקן קאָמפּלימענט און מיינט עס ניט מיטן האַרצן איז עס חניפה.

2. מאַכן אַ פרומע מינע מיט אַ שלעכטער כוונה איז צביעות.

3. אָפּן פאַר יענעם זיך מאַכן פאַר אַ פריינט און הינטער אים ריידן שלעכטס אויף אים דאָס איז צביעות.

4. איבערטריבענע גוטסקייט, וואָס איז יענעם דערווידער, איז היפּאָקריטיש און שלעכטער געשמאַק.

5. ווען איינער שפּילט די ראָלע פון אַן אידעאַליסט אויף יענעמס חשבון איז ער אַ היפּאָקריט.

6. ווען איינער דרש'נט איין זאַך און טוט אַליין, ווען קיינער זעט ניט, פאַרקערט, איז עס היפּאָקריטעריי.

7. צו זוכן נאָר חטאים ביי יענעם און אַליין זיך צוצודעקן מיט אַ הייליקן מאַנטל, דאָס איז היפּאָקריטעריי.

8. טאָן יענעם אַ טובה מיט פאַרגלאָצטע אויגן איז היפּאָקריטעריי.

9. אין יעדער געוועלנלעכער מענטשלעכער זאַך כסדר וועלן אַריינלייגן אַ פרומקייט — דאָס איז היפּאָקריטעריי.

10. פרעדיקן יענעם מאָראַל און מיט דעם אָפּקומען, אין דער צייט ווען מע דאַרף יענעם העלפן, איז היפּאָקריטעריי.

11. אַרויסדרייען זיך פון אַ מאָראַלישער פליכט ווייל יענער דענקט ניט אַזוי ווי דו — איז היפּאָקריטעריי.

12. מאַכן אַלעמאָל דעם אָנשטעל אַז דו מיינסט נאָר יענעמס טובה איז היפּאָקריטעריי.

13. אַ הפּאָקריט האָט אויף אַלע זיינע שלעכטע מעשים, גוטע תירוצים צו געבן — און מיט פאַרגלאָצטע אויגן דערצו.

14. אַ היפּאָקריט באַגלייט זיינע געוועגלעכע טאָטן — און די גוטע אוודאי — מיט פאַרגלאָצטע אויגן.

15. ביי אַ היפּאָקריט איז אַלעמאָל דאָס מויל מיטן האַרץ אין צוזאַ־מענשטויס.

16. ביי אַ היפּאָקריט שפּילט אַלעמאָל דאָס מויל טעאַטער און די אויגן באַגלייטן עס צום טאַקט.

17. ווען איינער האַנדלט באמת גוט איז צו וואָס דאַרף ער היפּאָקרי־טיש דענקען?

18. שמייכלען ליבלעך צו יענעם און באַריידן הינטער די אויגן דאָס איז דער וועג פון אַ פאַלשן מענטשן.

19. זיך אויספּיינען מיט איבערטריבענער גוטסקייט און נאָכדעם באַריידן יענעם, דאָס איז מעשה־היפּאָקריט.

20. צו וועלן זיין אַ בעל־טובה אויפן חשבון פון אַנדערע, דאָס איז היפּאָקריטיש.

21. אַ מענטש וואָס טראָגט זיך נאָר אַרום מיט יענעמס צרות, און מאַכט דעם אָנשטעל אַז זיך האָט ער איינגאַנצן ניט אין זינען, דאָס איז היפּאָקריטעריי.

22. איינעם אָפּצושיטן מיט ליבוווערטער און אינעם זעלבן מאָמענט אים וועלן שלעכטס טאָן — דאָס איז נאָך ערגער פון היפּאָקרי־טעריי.

23. ווען מ'זאָגט אַ ליגן בשעת־הדחק, אַפילו מיט אַ פרומען אָנ־שטעל, קען מען עס דאָך ניט אָנרופן היפּאָקריטערײ.

24. ווען מ'זאָגט אַ זאַך אַפילו אָן וועלכער עס איז פניה, נאָר באַ־גלייט מיט געמאַכטער הייליקייט — איז עס היפּאָקריטערײ.

25. אַפילו ווען מ'זאָגט אַ זאַך אין וועלכן מ'האָט אַן אייגענעם אינ־טערעס קען מען אויך אויסמיידן היפּאָקריטישע שטיק.

26. היפּאָקריטערײ, ווען אויפגעדעקט, איז אַ יעדן דערווידער.

27. מ'קען אַ מענטשן ניט צופיל נאַרן מיט היפּאָקריטישע שטיק.

28. אַפילו הייליקע וואָס קומען ניט מיט מענטשן אין קאָנטאַקט קע־נען אויך אַריינפאַלן אין דער זינד פון היפּאָקריטערײ.

30. ווען איינער געוואוינט זיך צו האַנדלען היפּאָקריטיש ווערט דאָס שוין ביי אים די צווייטע נאַטור.

31. אַ היפּאָקריט וואַרפט מיט ברכות אַפילו ווען ער האָט אין זינען קללות.

יח.

קנאה־שנאה

1. ווען איינער האָט אַ שוואַכקייט צו קנאה איז ער שוין ניט ווייט פון שנאה. קנאה האָט אין זיך אי מעלות אי חסרונות.

2. ביזטו מקנא יענעמס מעלות מאַכט עס דיך שוין דערמיט פאַר אַ בעסערן מענטשן, ביסטו מקנא שלעכטסקייט, שטאַרקייט, רייכ־טום איז עס אַ חסרון.

3. קנאה מיט גאווה זיינען אויך ניט קיין פאַר צום גוטן.

4. ווען אַפילו ביזט אַמאָל מקנא אַ גוטע זאַך, וועט דיך די גאווה אַראָפּפירן פונעם וועג.

5. קנאה פאַר גוטסקייט, מיט ערלעכקייט אין האַרצן, איז זיכער אַ גרויסע מעלה.

6. שנאה איז שוין אַזאַ זאַך, וואָס ברענגט דיר אַליין ניט קיין נוצן: אַ שנאה צו יענעם ברענגט גריזאַטע פאַר זיך.

7. אַן איינגעגעסענע שנאה איז נאָענט צו משוגעת.

8. האָסטו יענעם פיינט, קאָנסטו שוין אים ניט דן־זיין לכף זכות, אַפילו ביי אַ גוטער טאַט.

9. אַ קעגנזייטיקע שנאה אויסצוגלייכן מוז מען קעגנזייטיק האָבן דעם ווילן דערצו.

10. ביי אַ שנאת־חינם שפּילן פּלאַטקע־מאַכער די הויפּט ראָלע.

11. עס זיינען דאָ קרענקלעכע פּלאַטקע־מאַכערס וואָס באַקומען זייער וויכטיקייט ביים פאַרשפּרייטן שנאה.

12. מ׳דאַרף זיין פּאַרזיכטיק מיט אַזעלכע מענטשן וואָס זוכן אויפ־צובלאָזן אַ שנאה.

13. אַן אינטריגאַנטישע טבע פאַרשפּרייט שנאה אַמאָל פאַר אייגענעם צוועק און אַמאָל אַזוי זיך פאַר פאַרגעניגן וועגן.

14. עס איז זייער לייכט צו פאַרשפּרייטן שנאה אָבער עס איז שווער עס איינצושטילן.

15. מ׳דאַרף אָנווענדן אַלע מעגלעכקייטן, אַז אַ שנאה זאָל ניט ברענ־גען צו אַן אָפענעם קריג.

16. ביי אַ קריג דורך שנאה נוצט אַמאָל אַפילו אַן ערלעכער מענטש, אומערלעכע מעטאָדן.

17. שנאה שאַפט שטענדיק פאַלשע אילוזיעס, זי פאַראורטיילט אַפילו אומשולדיקע טאַטן פונעם שונא.

18. מ׳קען טאַקע דענקען אַז דער שונא איז אומגערעכט, אָבער עס שאַדט ניט זיך אַליין צו געבן אַ חשבון־הנפש בנוגע זיך און דעם שונא.

19. ס׳איז בעסער צו האָבן אַ שווערן מאָראַלישן זיג מיט אַ שונא איידער אַ לייכטן זיג דורך פיזישן און אומערלעכן קאַמף.

20. אַפילו צו געווינען ביי אַ שונא איז בעסער אים צו דערקלערן די גערעכטע און מאָראַלישע זייט.

21. געווינען דורך שנאה מיינט אַז די שנאה איז נאָך ניט פאַר־שוואונדן פון ביידע צדדים.

22. דאָס געווינען דורך מאָראַלישע מיטלען שוואַכט אָפּ די שנאה.

23. דער רעזולטאַט פון שנאה איז צעשטערונג.

24. אַ בנין מיט שנאה האָט אַ שוואַכן פונדאַמענט.

25. ניט אַלע מאָל קען מען פאַרדעקן שנאה מיט פאַלשע פראַזן.

26. שנאה מאַכט דעם מענטשן פאַרביטערט און שאַדט זיך אַליין.

27. מיט שנאה קען מען ניט איינגיין אויף אַ פשרה.

28. ווייל מען שלום, מוז מען פריער פון זיך אַליין אַרויסרייסן די שנאה.

יט.

כעס

כעס בחיק כסילים ינוח. (קהלת ז׳, ט׳.)
לפי שהיה בכלל כעס בא לכלל טעות (ספרי מטות ק׳)

1. כעס איז איינע פון די ערגסטע מידות.

2. אַפילו ווען דו דענקסט אַז דו ביזט גערעכט און דער אַנדערער איז אומגערעכט לגבי דיר איז אויך בעסער אויסצומיידן כעס.

3. שוין מיט דעם אַליין וואָס דו ווערסט אין כעס, ביזטו שוין ניט אינגאַנצן גערעכט.

4. אַז דו מוזט אָנקומען צו כעס, באַווייזט עס, אַז ביי דיר אַליין איז ניט אַלץ אין אָרדנונג.

5. אַפילו ווען יענעמס גראָבע האַנדלונג באַרעכטיקט דיין כעס אויף דעמאָלט פּרוביר ווירקן אויף אים מיט איידלקייט.

6. ווען דו ווערסט אין כעס באַווייזט עס אַז דו ביזט ניט פעאיק צו אורטיילן קאַלטבלוטיק.

7. אַמאָל קען מען דיר געבן אַ שכל׳דיקן ענטפער אויף אַ אומ־שכל׳דיקער האַנדלונג, און דיר פאַרשפּאָרן צו ווערן אין כעס.

8. פון אַ קינד קענסטו ניט דערוואַרטן אַ גאָר לאָגישע דערקלע־רונג פאַר זיינע טאָטן און ביי אַ דערוואַקסענעם דאַרף מען צו־ערשט אויספאָרשן זיינע מאָטיוון — און ווער ניט אין כעס ווען עס שטימט ניט מיט דיין אויפפאַסונג.

9. ווען אַפּילו אַ רוּיבער באַפאַלט דיך, פאַרליר ניט דיין גלייכגעװיכט ווייל דיין כעס וועט דאַך דיר סיי ווי סיי גאָרניט העלפן.

10. ווען מען פּרובירט אַנווענדן שכל־הישר, מיידט מען אַ סך מאָל אויס כעס.

11. ווען מ׳ווערט ניט צו אָפּט אין כעס, באַרואיקן זיך די נערוון און מען קען דענקען קלאָר.

12. אַ שטענדיקער כעסן איז גענייגט צו האַנדלען ניט ריכטיק.

13. דו וועסט תמיד אַרויסרופן אַ קעגנווירקונג, ווען דו וועסט דיינע מעשים דורכפירן מיט כעס.

14. דיינע אייגענע רואיקע האַנדלונגען באַרואיקן אויך יענעמס כעס.

15. ווען צוויי מענטשן האָבן אַ סכסוך און זיי ווערן קעגנזייטיק אין כעס מוזן זיי אָנקומען צו אַ דריטן אויסצוגלייכן דעם סכסוך.

16. כעס איז אַ שלעכטער בעל יועץ.

17. כעס מאַכט אַ קלוגן מענטשן צום נאַר.

18. צו פאַרלירן דורך יענעמס רואיקע אַרגומענטן איז בעסער ווי צו געווינען דורך אייגענעם כעס.

19. ווען יענער זעט אַז דו מיידסט אויס כעס, וועט ער אויך מוזן האַנדלען אינעם זעלבן גייסט.

20. אַ גרויסע צאָל שלעכטע האַנדלונגען ווערן געבוירן בשעת כעס.

21. אַ בעל־כעסן מיינט טאַקע באמת אַז ער איז תמיד גערעכט.

22. אַז מ׳געווינט אַ זאַך מיט כעס בלייבט אַ שלעכטער נאָך־טעם, אַז מ׳געווינט מיט מיושב׳דיקער האַנדלונג איז עס אַ באַרואיקונג.

23. דעם כעס פון מענטשן דאַרף מען צושרייבן מער צו זייער נערוון־צושטאַנד ווי צו זייער שלעכטסקייט.

24. אַ גוטע טאַט קען מען בעסער טאָן אָן כעס ווי מיט כעס, און אַ שלעכטע טאַט דאַרף מען בכלל ניט טאָן, ניט מיט כעס, ניט אָן כעס.

25. אין מאָראַלישן זינען איז כעס תמיד אַ דורכפאַל.

26. אַ כעס'דיקער עקשן האָט אַלעמאָל ווייניקער אויסזיכטן צו געווינען.

27. ניט שטענדיק קען מען טאַקע מיט רואיקייט אויסמיידן כעס אָבער מיט אומבאַרעכטיקטן כעס קען מען קיינמאָל ניט שאַפן קיין רואיקייט.

28. קינדער דערציען מיט כעס האָט אַ פאַרקערטע ווירקונג אויף זיי.

29. ס'איז בעסער אַ סך מאָל איבערצוזאָגן דיזעלבע זאַך רואיק איידער איינמאָל מיט כעס.

30. איינמאָל געזאָגט מיט רואיקייט ווירקט מער ווי צוויימאָל געזאָגט מיט כעס.

31. אַפילו אַ גערעכטן כעס דאַרף מען פאַרמיידן.

32. ווען אַפילו מ'וויל איבעררייסן מיט יענעם איז אויך בעסער אָן כעס.

33. יעדע האַנדלונג בשעת כעס איז ניט צופרידנשטעלנדיק.

34. ס'איז אָבער זיכער ניט עטיש מיט דיין רואיקער האַנדלונג אָבזיכטלעך צו ווען יענעם אַריינברענגען אין כעס.

35. ווען איינער טוט דיר אַפילו גוטס מיט כעס איז עס ניט קיין גאַנצע גוטסקייט.

36. ווען דו נעמסט אָן יענעמס גוטסקייט מיט כעס, באַקומט דיר ניט די גוטסקייט.

כ.

ר כ י ל ו ת

1. רכילות טראָגן ברענגט ניט קיין גוטעס.

2. אונטערטראָגן יענעם אַ פּליאַטקעלע שאַפט בייז בלוט.

3. ס'איז מער שעדלעך אויסצוהערן אַ רכילות פון אַ כלומר'שטן גוטן פריינט ווי פון אַן אָפענעם שונא.

4. פון אַן אומשולדיקן אַקט קען מען מיט רכילות אויפבלאָזן אַ שנאה.

5. אַ באַוואוסטן רכילות־טראָגער איז בעסער ניט צו גלויבן.

6. אַ רכילות־טרייבער שעפּט נחת, ווען ער זייט שנאה.

7. איניקע רכילות־טרייבער האָבן אַן אייגננוציקן ציל און איניקע טרייבן רכילות אָן אַ ציל (אַזוי זיך פאַר פאַרגעניגן וועגן).

8. אַ ליידיקגייער האָט אַלעמאָל אין זיך אַ נייגונג צו רכילות.

9. אַנדערע מענטשן ווילן זיך מאַכן וויכטיק מיט טרייבן רכילות אויף דעם צווייטן.

10. ס'איז בעסער צו זיין פאַרזיכטיק מיטן וואָרט, בשעת איינער ברענגט דיר רכילות.

11. מיט רכילות אויף יענעם וויל מען אַמאָל עפּעס אַרויסציען פון דיר.

12. נעמען ערנסט אַ רכילות פון אַ צווייפלהאַפטן פריינט איז זיכער ניט כדאי.

13. אַן אמת'ער פריינט ברענגט ניט קיין רכילות.

14. וויל מען אַ פריינט ניט ווי טאָן אַזוי טראָגט מען אים ניט אונטער קיין רכילות.

15. רכילות־טרייבער מיינען ניט ערנסט וואָס זיי זאָגן.

16. רכילות־טרייבער זוכן ניט דעם אמת.

17. אַן אמת'ער מענטש וועט בעסער זיין פריינט אַליין פאַרענטפערן איידער צו ברענגען צו אים יענעמס רכילות.

18. ווען איינער ברענגט דיר רכילות, און האָט ניט דעם מוט אײַ־בערצוציִיגן דעם רכילות־ריידער אַז ער איז אומגערעכט, איז ער ניט קיין אמת'ער פריינט.

19. רכילות טרייבן באַצוועקט ניט קיין שלום.

20. אַן אָפענער שונא דאַרף ניט אָנקומען צו רכילות און אַ פריינט וועט ניט פּראָווען קיין רכילות.

21. אַ נאַרישער בעל־רכילות'ניק איז מער שעדלעך ווייל מ'איז אים גאָרניט חושד אין קיין שלעכטס.

22. אינגאַנצן אָן אַ בייזער כוונה טרייבט מען ניט קיין רכילות.

23. דער רכילות־טראָגער איז אַ סך מאָל אַ נאַרישער אַרויסהעלפער צום בייזן צד.

24. דער זעלבער וואָס ברענגט דיר אַ רכילות טראָגט עס אַ סך מאָל, אויף אַן אַנדער אופן, אַוועק צום צווייטן צד.

25. קיין מאָראַלישער מענטש פאַרנעמט זיך ניט מיט רכילות.

26. אַ כלומר'שט אומשולדיקע מינע מיט אַ כיוון איז אַמאָל אויך רכילות.

27. די כוונה פון אַ רכילות־טראָגער שפּילט די הויפּט ראָלע.

28. עפּעס צו געווינען דורך רכילות איז ניט אָנשטענדיק.

29. אין אַלגעמיין איז רכילות אַ מיאוסע זאַך.

30. מ'דאַרף זען אויסצומיידן רכילות

כא.

עקשנות

1. עקשנות איז ניט אַלעמאָל פון די גוטע מעלות.

2. אַן עקשן וויל זיך ניט אונטערגעבן אפילו ווען ער ווייסט אַז ער איז אומגערעכט.

3. אַן עקשן וויל אַלעמאָל אויספירן זיינס אַפילו ווען ער פאַר־לירט דערביי אַם ענד.

4. ניט אַלעמאָל איז אָבער עקשנות אַ חסרון.

5. ווען איינער איז אַן עקשן פאַר אַ גוטער זאַך דאַרף מען עס אָנערקענען.

6. ביים העלפן יענעם איז זייער שיין צו זיין אַן עקשן.

7. פאַר אַן אַלגעמיינער, אידעאַלער זאַך איז עס אַ גרויסקייט אַרויס־צואווייזן עקשנות.

8. פאַר אייגננוץ־צוועקן איז שענער ווען מ'איז וויניקער עקשן.

9. פאַר אַ זאַך וואָס איז נוגע דיך אַליין, אפילו ווען דו ביזט גערעכט, זוך אַ קאָמפּראָמיס — און זיי ניט פאַר'עקשנ'ט.

10. זוך ניט צו ווען זיין הונדערט פּראָצענט גערעכט — דורך עקשנות.

11. אַ קרענקלעכער עקשן וועט אַמאָל בעסער פאַרלירן אַבי אויס־צופירן זיין עקשנות.

12. ביי אַ מחלוקת איז בעסער ווען ביידע צדדים זאָלן אַביסל אָפּלאָזן פון זייער עקשנות.

13. זיי ניט פאַר׳עקשנ׳ט און דענק אַביסל וועגן דעם צווייטן אויך.

14. ס׳איז גוט זיך אָפּצוגעוואוינען פון שלעכטע מידות דורך עקשנות.

15. ס׳איז שלעכט מיט עקשנות אַנצוהאַלטן שלעכטע מידות.

16. ווען דו טוסט אַפילו גוטעס, בלויז צוליב עקשנות, שוואַכט עס אָפּ די הייליקייט פון דער טואונג.

17. סענטימענטאַלע עקשנות פאַר גוטע טאַטן איז אַ העכערע מדרגה.

18. מיט עקשנות צו זוכן גערעכטיקייט אָן אייגננוץ איז אַ מעלה.

19. ווען מע פירט דורך אַ גוטע זאַך מיט עקשנות, דאַרף מען אָבער זען אויסצומיידן צו פאַרשאַפן יענעם בחינמ׳דיקע שמערצן.

20. באַקעמפן רציחה דאַרף מען מיט עקשנות — אָבער ניט מיט אַ רציחה׳שער מעטאָדע.

21. אַ פאַר׳עקשנ׳ט באַקלאָגן זיך אויפן שלעכטן מזל וועט דעם מזל ניט בעסער מאַכן.

22. ווען מען שטרעבט פאַר׳עקשנ׳ט צום גוטן וועט עס אפשר אַמאָל האָבן אַ פּעולה.

23. מענטשן וואָס האָבן אַ דורכפאַל אינעם לעבן ווערן גיכער רוי־אינירט מיט זייער עקשנות׳דיקן באַקלאָגן זיך איידער פונעם דורכפאַל גופא.

24. ס׳איז בעסער צו זיין אַן עקשנות׳דיקער אָפּטימיסט איידער אַ עקשנות׳דיקער פּעסימיסט.

25. אַן עקשנות׳דיקער אָפּטימיסט ווירקט צום גוטן, אַן אַן עקשנות־דיקער פּעסימיסט ווירקט צם שלעכטן.

26. צו זיין אַן עקשן ביי אַ זיכערן דורכפאַל איז, אַחוץ שעדלעך, אויך נאַריש.

27. אַן עקשן פאַרביטערט זיך און יענעם דאָס לעבן.

28. שטרעבן עקשנות'דיק מיט מאָראַלישע מיטלען צום גוטן גיט אַ שטיקל צופרידנקייט.

29. מיט שלאָגן קען מען קיין עקשן ניט בעסער מאַכן.

30. אַז איינער איז באַוואוסט אַלס עקשן איז מען אים אַלעמאָל חושד — אַפילו זיינע גוטע כוונות.

31. צווינג ניט אויף יענעם אַרויף מיט עקשנות דיין גוטסקייט איי־דער יענער נעמט עס אָן גוטוויליק.

32. אַ קרענקלעכער עקשן זעט אַלעמאָל נאָר זיין אייגענע זייט.

33. צו זיין אַן עקשן פאַר אַ גוטן ציל און מיט דורכגעטראַכטע גוטע מידות קענען נאָר יחידי־סגולה.

כב.

רציחה

1. פאַר רציחה איז ניטאָ קיין באַרעכטיקונג.

2. אַ רוצח ווייסט ניט פון קיין רחמנות.

3. ווען אַ רוצח בעט רחמנות פאַר זיך מאַכט עס אים לעכערלעך.

4. ווען אַ געוועזענער רוצח וויל ווערן אַ הייליקער דאַרף מען עס נעמען מיט פאַרדאַכט.

5. ווען דער באַפאַלענער קען זיך ניט פאַרטיידיקן איז מאָרד ניט קיין גרויסע העלדישקייט.

6. נעמט ניט קיין ביישפּיל פון רציחה — אפילו צו באַקעמפן אַ רוצח.

7. רציחה וויל זיך אַמאָל צודעקן מיט אַ מאַנטל פון רעכט.

8. טריפה'נע רציחה קען מען ניט כשר'ן מיט אַן אידעאַל.

9. רציחה־פלעקן קען נאָר די ערד פאַרדעקן.

10. אַז מ'באַרעכטיקט רציחה איז מען אַליין אַ רוצח.

11. מיט רעכטפאַרטיקן אַ רוצח באַגייט מען אַליין אַ רציחה.

12. דער וואָס פּרעדיקט רציחה מוז אַליין, סוף כל סוף, ווערן אַ קרבן דערפון.

13. אַ רוצח קען אַמאָל זיין בצורת־אדם, אָבער אַן אַ נשמה.

ר צ י ח ה

14. פאַר אַ פּרעדיקער פון רציחה העלפט ניט קיין צודעקן זיך מיט ציוויליזאַציע.

15. קיין שום סאָרט רציחה קען מען ניט צודעקן מיט שיינע פראַזן.

16. די גערעכטסטע שטראָף פאַר אַ רוצח איז: אַז ער זאָל זיך אַליין באַשטראָפן.

17. אויסצובעסערן רוצחים מיט רציחה איז אַ מעשה אָן אַ סוף.

18. ווען נאָענטע מענטשן קוקן אויף מעשים פון אַ רוצח מיט מילדע אויגן, איז עס שעדלעך.

19. אונטער אַלע אומשטענדן איז רציחה עקלדיק.

20. פאַר אָרגאַניזירטער רציחה איז איבערהויפּט ניטאָ קיין זכות.

21. ביי אָרגאַניזירטער רציחה זיצן די הויפּט־רוצחים ביים שרייב־טיש.

22. קעגן פּראָפעסיאָנעלע רוצחים איז אָבער אַ מצווה צו קעמפן מיט זייער אייגענער מעטאָדע.

23. ווען איינער באַרימט זיך נאָך מיט זיין רציחה שענדט ער דעם מענטשן און פאַרשוועכט נאָך דאָס מענטשלעכע לשון.

24. אַפילו אַ גערעכטע קעגן־רציחה איז אויך בעסער צו פאַרמיידן.

25. קעגן אַ רוצח קען מען טאָקע ניט אָנווענדן קיין איידעלע מע־טאָדן, דאָך טאָר מען ניט קאָפּירן זיינע אכזריות'ן.

26. אַ רוצח קען זיך, יעדנפאַלס, קיינמאָל ניט אויסצאָלן.

27. ווען אַ רוצח וואָלט געקענט גוטמאַכן זיין רציחה וואָלט, אפשר, זיין חרטה געקענט האָבן אַ ווערט.

28. אָן אמת'ער רוצח־נפש רעכנט אויס זיין רציחה קאַלטבלוטיק.

29. אַ מענטש וואָס טוט אָפּ אַ מעשה־רציחה אין אַ ווילדן צושטאַנד, דאַרף ער דעם פּלעק פון זיך אַליין אַרויסוואַשן.

כג.

פאַרשידענעס

1. גוטע זאַכן האַלטן ניט אָן אייביק, אָבער אויך שלעכטע זאַכן האַלטן אייביק ניט אָן.

2. ווען איינער איז זיך מיט עפּעס מחיה, דאַרף ער געבן אַ טראַכט צי דאָס איז ניט שלעכט פאַר יענעם.

3. בייזוויליקע טאַטן געבוירן שלעכטסקייטן.

4. ניט אַלעמאָל קען מען זען ביי יענעם נאָר דאָס גוטע; מ׳דאַרף אָבער קיינמאָל ניט זוכן ביי אים דווקא דאָס שלעכטע.

5. איידער מע גיט וועגן יענעם אַ שלעכטן אורטייל דאַרף מען זיך גוט איבערלייגן.

6. ס׳איז אַ גרעסערע העלדישקייט צו זיין צופרידן מיט ווייניקער, ווי צו וועלן האָבן אַ סך, און אַפילו קריגן אַ סך.

7. ווען איינער בע׳עולה׳ט דיך אומגערן איז ניט ריכטיק אַרויס־צואווייזן אַ כעס דערפאַר.

8. ווען איינער האָט זיך אָבער געמאַכט פאַר זיין געוואוינהייט דיך ווי צו טאָן, איז עס נאַריש אַזוינעם צו פאַרשווייגן.

9. אַפילו דאָס באַקעמפן פון אַן עוולה מוז ניט אַלעמאָל געטאָן ווערן שרייעריש.

10. יעדע טאַט פון בין־אדם־לחברו דאַרף ווערן געמאָסטן מיט אַן עטישער מאָס.

11. גוטע טאַטן וואָס מער, זײ האָבן ניט קײן שיעור; שלעכטס אַפילו דאָס מינדסטע איז אַלץ נאָך צופיל.

12. איגנאָרירן אײגענע װײטאָקן איז אַ גרױסקײט, אָבער איגנאָרירן יענעמס װײטאָקן איז אַ נידערטרעכטיקײט.

13. אַ רואיקער מענטש שאַפט אַן אנגענעמע אַטמאָספער און אַ נערװעזער מענטש שפּרײט אױס אומרואיקײט.

14. װען אײנער זעט אַלץ בײ יענעם און בײ זיך גאָרניט, גיט ער שױן אַלײן צו אַז ער איז אַ „גאָרניט״.

15. צו ירש׳ענען פאַרמעגנס דאַרף מען קײן שכל ניט האָבן, אָבער צו ירש׳ענען גוטע און גײסטיקע מעלות דאַרף מען שױן פאַר דעם אַלײן אױך עפּעס זײן.

16. אונדזערע טאַטעס זײנען ניט געװען גענוג פרום פאַר אונדזערע זײדעס, מיר זײנען ניט גענוג פרום פאַר אונדזערע טאַטעס, אָבער אונדזערע קינדער זײנען שױן גאָרניט פרום.

17. גבורה און גדלות האָבן אַ װאַקלדיקן באָדן, שכל און יושר האָבן אַ פעסטן פונדאַמענט.

18. עלטער שװאַכט אָפּ גבורה און שטאַרקט יושר.

19. עלטער פאַרלירט גבורה און זוכט יושר.

20. גדלות װערט באַגראָבן אין אַ גרױסן קבר.

21. פון אַ בלומענגאָרטן דאַרף מען באַזײטיקן די דערנער.

22. גײסטיקע דערנער איז שעדלעך צו באַקעמפן מיט אײזערנע כלים.

23. אַן אידעאַל קען מען מיט צװאַנגסמיטלען ניט פאַרװירקלעכן.

24. שײנע רײד מיט אַ שלעכטער כּוונה זײנען מטמא דאָס װאָרט.

25. פאַר גוטע געדאַנקען דאַרף מען האָבן אַ גוטן קאָפּ, און פאַר גוטע טאָטן אַ גוט האַרץ.

26. מאַטעריעלע עשירות האָט אַ גרעניץ, גייסטיקע עשירות האָט קיין גרעניץ ניט.

27. ס'איז בעסער צו האָבן אַביסל מער בושה ווי חוצפּה.

28. גוטע טאָטן ווערן צום סוף אָפּגעשאַצט.

29. אַ גוט פריינטלעך וואָרט צו יענעם, אין דער ריכטיקער צייט, קען אַמאָל מער באַטייטן ווי אַ גוטע האַנדלונג.

30. אַפילו מיט גוטסקייט איז ניט גוט ווען מ'כאַפּט איבער די מאָס, און מיט שלעכטסקייט אוודאי און אוודאי ניט.

31. צו וועלן יענעם משיג-גבול זיין דאַרף מען האָבן אַ מאָראַלישן גרונד דערצו.

32. צו געברויכן געוואַלט-טאַט אַנטקעגן אַ צווייטן שטעלט דעם געברויכער אין אַ צווייפלהאַפטער פּאָזיציע.

33. ניט אַלעמאָל איז נייטיק אויפצוטאָן גרויסע זאַכן; קלייניקייטן זיינען אַמאָל וויכטיקער פון גרויסע טאָטן.

34. ווען איינער קען יענעם העלפן און העלפט טאַקע שטעלט ער זיין אייגענעם געוויסן צופרידן.

35. ווען איינער איז ניט אימשטאַנד צו העלפן און באַמיט זיך דווקא יאָ צו העלפן ווערט ער פון זיין באַמיאונג מאָראַליש געלייטערט.

36. ווען איינער פאַרדעכטיקט אַ צווייטן וועט ער אַפילו זיינע גוטע מעשים שלעכט אויסטייטשן.

37. אַ צופאַל קען אַמאָל מער ווירקן ווי באַשטענדיקע פאַרלויפעניש.

38. שלעכטס טאָן יענעם ווערט ניט תמיד פאַראורזאַכט פון שנאה, אַמאָל גאָר פון צופיל אייגנליבע.

פאַרשיידענעס

39. אין אַן אייגענעם דורכפאַל איז לייכט צו וואַרפן די שולד אויף יענעם, און שווער צו זוכן און געפינען די שולד ביי זיך אַליין.

40. ווען איעדער מענטש זאָל ניט זיין ביי זיך גערעכט, וואָלטן מיר געהאַט אַ סך בעלי־תשובות.

41. אַזוי ווי אַ ציבור קען ניט זיין אַן יחידים אַזוי קען ניט זיין אַ יחיד אָן אַ ציבור.

42. ביי אַ הייליקן מענטשן ווערן געהייליקט אַפילו זיינע וואָכעדיקע האַנדלונגען.